№ 6.

יודישע

פאָלקס-צייטונג

4 Februar 1903. פערלאג „פאָלקס-בילדונג“ וואַרשא. ז׳ שבט תרס״ג.

אינהאלט: פּאַרלוירען די אֱמוּנה; ת. — צווישען נאַזעטען. — פּאָליטישע ענינים. — נייעס פון דער וואָך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס; III ציוניסטישע נייעס. — וואַרשאווער בריעף; עַזרִיאֵל. — באַיאַרקע; ש. א. — היינטיגע יאָהרען; מ. י. ב. — דער כּלל; מ. י. ב. — דער מאָהער; אברהם רייזען. — פריהער און איצטער; א. ש. זאקס. — וועלכע שפּראַכען רעדט מען; ש. קרינסקי. — איין אָפענער בריעף; י. ל. פּרץ. — וויסענשאַפטליכע ידיעות. — אלערליי.

יודישע פרויען-וועלט: I אלגעמיינע נייעס; II יודישע נייעס. — די קולירען אין דער פרויען־קליידונג; דבורה הלעווינזאהן. — מודעות.

פעליעטאָן: צעזייעט און צעשפּרייט; שלום עליכם.

1903 אַבּאָנעמענט אויף דעם נייעם יאָהר 1903

אויף דעם נייעם יאָהר געפינט זיך אין דעם פּאָרטפעל פון אונזער רעדאַקציע פיעל אַרטיקלען פאַר אַלע אבטהיילונגען פון אונזערע שטענדיגע מיטאַרבייטער:

י. דינעזאהן; ד״ר ח. ד. הורוויץ; ד״ר י. ליאקומאָוויטש; מ. ספּעקטאָר; ד. פּינסקי און שלום עליכם.

אויף דעם נייעם יאָהר גיט די „פאָלקס-צייטונג“ איהרע יעהרליכע אַבּאָנענטען א פּרעמיע:

אַלע ווערק פון שלום עליכם — מיט דעם בילד און ביאָגראַפיע פון מחבר — **4 בענדער**

פאַר 1 רובּל מיט פּאָרטא.

די אַלע ווערק פון שלום עליכם זענען איבערגעקוקט און אויסגעבעסערט פון מחבר, דרוקען זיך מיט נייע שריפט, מיט נקודות און אויף גוט פּאַפּיער.

אַבּאָנאַמענטס־פּרייז און אַדרעסע געפינט זיך אין אנהויב פון יעדען נומער.

מראשית שנת תרס״ג נעשו שנויים לטובה בהוצאת העתון הזה:

א) „העולם קטן“ הוא מעתה מנוקד כלו, התכן יותר קל ונוח. ב) הפורמט נשתנה לטוב וליופי. האותיות הן יותר בהירות והציורים — יותר יפים. ג) תחת המחיר הקודם, 6 רובל לשנה, נקצב מעתה המחיר

רק 4 רובל לשנה

2 רובל לחצי שנה, 1 רובל לרבע שנה.

החותמים לשנה שלמה יקבלו בסוף השנה תשורה יפה חנם. דמי החתימה יוכלו לשלם גם לשעורין: 2 רובל בעת החתימה ושני הרובל הנותרים בראשית הרבע השני.

בתור הוספה מיוחדת ל„עולם קטן“ ירחון פדגוגי בעד ההורים והמורים בשם:

„הפדגוג“

בו יבואו מאמרים בכל מקצעות החנוך וההוראה, החדשות במקצוע החנוך, החנוך העברי ביחסו אל החנוך הכללי, השקפה על מהלך החנוך בא״י ובחו״ל: החדרים, הת״ת ובתי הספר, מאמרים ע״ד הטבת המצב החמרי והרוחני של המורים והמלמדים; דו״ח מאספות מו״ים, כרוניקה מעולם ההוראה העברית והמורים העברים בקרת ספרי הלמוד והקריאה לבני הנעורים, שאלות ותשובות בעניני החנוך והלמוד במעשה; לשכת מודיעין (ביורא) בעד הורים ובתי ספר המבקשים להם מורים, ובעד מורים המבקשים להם משרות ומקומות להוראה.

מחיר „הפדגוג“: 3 רובל לשנה, 1.50 רובל לחצי שנה, 75 קאפ. לרבע שנה.

לחותמי „העולם קטן“ 2 רובל לשנה, 1 רובל לחצי שנה, 50 קאפ. לרבע שנה. פרוספקט מפורט ע״ד ה„עולם קטן“ ו„הפדגוג ישלח חנם לכל דורש.

האדריסה:

Издат. „[illegible]ія“ Варшава. — Verlag „Tuschija“ Warschau

בע״פ: נובוליפקי 7 מעון 9.

עולם קטן

עתון שבועי מצייר לבני הנעורים (נדפס בקרקוי).

המו״ל: **הוצאת „תושיה“ בורשה.**

העורכים: **א. ל. בן־אביגדור וש. ל. גרדון.**

העתון המצויר האחד בספרותנו בכלל והיחיד ומיוחד לבני הנעורים שלנו בפרט.

בו נדפסים:

א) מאמרים לחגי ישראל וימים חשובים בחיי עמנו.
ב) ספורים קטנים וגדולים.
ג) אגדות ושיחות.
ד) שירים ומשלים.
ה) מחזות.
ו) פרקים מדברי הימים.
ז) תולדות אנשי שם בישראל ובעמים.
ח) ידיעות העולם והטבע.
ט) ספורי מסעות
י) ידיעות וחדשות, שיש בידיעתן תועלת לבני הנעורים.
יא) ענינים קטנים (בריחות, מכתמים פתגמים, חידות, חליפות מכתבים בין בני הנעורים, משחקים וכו׳).
יב) תמונות אנשים וציורים שונים.
יג) תוי מנגינות לשירים שונים.

שפת ה„עולם קטן“ קלה וטבעית והסגנון נאה ומלבב.

כל גליון מלבד שהוא נעים לקריאה ומלבב את נפש הקוראים הקטנים והצעירים, הנהו גם מעין **חריסטומטיה מצוינה ללמוד שפת עבר.** העתון נדפס על ניר יפה ובדפוס מהודר והתמונות מצוינות ביפין וטובן.

פריילינען און ...

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען ... נייהען אין א קורצע צייט דורך בריעף אין זשארגאן, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע, אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע.

ניט זאמט און פרעגט אן ביי:

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варшава.

(25) 52—23

ТОЛЬКО нѣсколькими рублями может каждый завести постоянный хорошій заработокъ у себя ома. Объясненіе безплатно.

Адресъ: **Я. Найдичъ, Варшава.**

וויכטיג

פיר סוחרים און פאבריקאנטען.

מאכע היערמיט בעקאנט, דאס אום צו קענען אויספיהרען רעעל און זויבער די בעשטעללונגען פון די געעהרטע קליענטען, האבע איך מיינע 17 יאהר לאנג עקזיסטירענדע

4—3 (141)

שילדער־פאבריק

איבערגעטראגען פון דזיקא 16 אין א פיעל גרעסערען לאקאל

דזיקא 26

און נעהמע אויך אן אללערארט מאלער ארבייט אין געוועלבען און פאבריקען צו אללער בילליגסטען פרייזען.

M. Burgin, Warszawa Dzika 26.

ד"ר מ. קעניגשטיין

ווארשא, גראניטשנא № 6

בעהאנדעלט האלז-, אויערען- און נאזען-קראנקהייטען ביז 10 אין דער פריה און 4—6 נאכמיטאג. אין דער היילאנשטאלט דזיקא 26 פון 2 ביז 3. (96) 50—12

בערדיטשעווסקעס קליינע ביכלעך

1) א מעשה

2) שמועסען

3) הקדמות.

פרייז פיר אלע דריי ביכלאך 15 קאפ׳ צו בעקומען אין דער רעדאקציע „יודישע פאלקסצייטונג", „הצפירה" און ביי ה׳ צוקערמאן, מו"ס.

(144) 4—2

נייעס!

פראקטיש און ביליג!

טאשען-קאסעס (½ לויט וואג) אין ניקעל און פלאטיע, זעהר פראקטישע שפארזאם קאס-סעס אנצוזאמלען זיך א סוממע, דורך אריין לעגען אין קאסעלע יעדען טאג א 10 קאפעקען שטיק, פון וועלכען מען קאן נישט ארויס נעהמען ביז עס קלייבט זיך אן 5 רובעל.

דאס קאסעלע איז זעהר ניצליך פיר פרויען און קינדער און איבערהויפט פיר אינקאסא און אסעקוראנץ אגענטען איבער צו געבען עס די קונדען גראטיס. אלס פראבע שיקען מיר אויך ארויס 1 דוצענד.

אגענטען מיט גוטע בעדינגונגען ווערען געזוכט.

— פאטענט № 19401 —

(151) אדרעסע: 3—1

Б. Тененбаумъ

Варшава, Гусья 27, кв. 37.

Bracia Pryzment & Aleksander Lewin.

אליין־פערקויף פיר גאנץ רוסלאנד אונד פוילען

טואלעט־זייפען אונד פערפומע

דער בעריהמטער פאבריק

Gust. Stuermer

רעקאמאנדירען בעזאנדערס בלומענזייפען פערשיעדענער גערוכען, וויא אויך **Semiramis** אונד א נייע סארט זייפע **Trianon**, אויך אללע סארטען א־דע־קאלאן אונד **בלומען־א־דע־קאלאן** אין פערשיעדענע גערוכען.

5—4 **Warszawa, Pasaż Simonsa sklep Nr. 11.** (133)

חירורגיש־ארטאפעדישע אנשטאלט

פון ד"ר רייכשטיין

נעהמט אן צו חירורגישע בע-האנדלונג אויסגעקרומטע שדרות און פיס; געלענק- און מוסקעל-קראנקהייטען, ווי אויך צו מאססאז, פון 4 ביז 6 אוהר. אין דער אר-טאפעדישען ווערקשטאט ביי דער אנשטאלט ווערדען פערפערטיגט דורך ספעציאליסטען: קארסעטען, אפאראטען צו הענדע און פיסע (שיענען הילזענאפאראטע העססינג) קינסטליכע פיסע, אערליי רופטור- און בויך-גארטעל א. ז. וו.

(131) **לעשנא 31** 31 10—5

פארזיכטיג!

דאס איינציגסטע מיטעל צו א ברוך איז נאר ברוכבענדער וועלכע האלטען גוט איין דעם ברוך און דריקען נישט דעם קערפער, וועהרענד גענצליך אויסצוהיילען איז אונמעגליך.

(135) 50—3

זאלכע פערפערטיגט די פירמא

Д. Мошковскій. Варшава

Налевки № 37

וועלכע איז בעעהרט ווארדען מיט מע-דאילע פון דאקטארסקע אויסשטעלונג

37 צו בעאבאכטען דעם נומער 37

שיין שרייבען

פערשיעדענע שריפטען ער-לערענט אין 20 לעקציאנען די ערגסטע צעבראכענע און געציטערטע האנד-שריפטען, עכט קאליגראפיע

(134) **ש. טייטעלבוים** 4—4

נייע מילע 38, וואהנונג 56.

אהוב את המלאכה!

אללע סארטען שפיגעל מאכען לערנט אוים גרינטליך, אויך דורך בריעפע

דער 25-יעהריגער פראקטיקאנט אין דיא שפיגעלפאבריקאציאן

Адресъ: **Юдку Вейнбляту**

Варшава, Слизкая 22.

(105) 25—6

י. שעקמאן, ווארשא.

פאבריק פון זילבער 84 פראבע

(128) **עט פלאטטע־וואארען.** 50—6

И. ШЕКМАНЪ — Варшава, Налевки № 20.

מאגאזין נאלעווקי 20. פאבריק דזיקא 10.

דרוקעריי עט ליטאגראפיע

ש. בעלכאטאווסקי, פעטראקאוו.

(געגרינדעט אין 1860 יאהר)

מיר גלויבען אז מיר פערשפארען צו לויבען און רעקלאמירען אונזער דרוקעריי, וועלכע עקסעסטירט שוין מעהר ווי 40 יאהר, און האט זיך א גוטען נאמען געשאפט. די פיעל ווערקע וועלכע זענען געדרוקט געווארען אין אונזער דרוק אין דעם מישך פון די 40 יאהר — זענען די בעסטע עדות דערויף. מיר מאכען נור אויפמערקזאם, אז מיר האבען די לעצטע צייט פיעל נייע סארטען שריפט און פערצירונגען איינגעשאפט, כדי צו פערפיינערען די ארבייטען נאך די לעצטע מאדע. מיר נעמען אן צו דרוקען **ביכער, העברעאישע, פלפול ספרים, זשארגאנישע, רוסישע, דייטשע, פראנצויזישע** וכו׳; אויך נעמען מיר אן צו דרוקען **אלערליי עטיקעטען, פרייז־קוראנטען, פאבריטשנע ביכלעך, פאסט־פאפיער, קוויטאריושען, וויזיט־קארטען** וכו׳.

אויך געפינט זיך שטענדיג אויפן לאגער **קארמעלקעס עטיקעטע.**

אלעס ווערד פיין און שנעל אויסגעפיהרט, צו זעהר ביליגע פרייזען פעטראקאוו איזט ביי ווארשא, רייזע קאסטען נור 1.96 רובל.

(123) אדרעסע: 14—7

Въ Контору паровой типо-литографіи

Ш. Белхатовскаго, г. г. Петроковъ.

הוצאת „ישרון".

בימ"ס „ישרון" מלא וגדוש בכל הספרים החדשים שיצאו לאור מכל בתי הדפוס העברים וגם בספרים עתיקים יקרי הערך והמציאות. קונה ומוכר ספרים וביבליותיקות גדולות מכל מיני ספרים עברים. נכנס לרשות הוצאת „ישרון"

אלבום ארץ ישראל והמושבות

מאת ש. ראפאלאוויץ וזקס. פנין יקר כזה לא היה עוד בספרותנו.

שבעים וחמש ציורים ממראות הארץ וממקומות הקדושים וממושבות אחינו באה"ק. ותולדות המושבות וראשית התיסדותן.

כתוב הוא עברית ואשכנזית.

האלבום הזה ראוי הוא להיות בכל בית ישראל לנוי ולקשוט.

מחירו 3 רו"כ, בכריכה יפה 3 75 עם פורטה למו"ס ואגדות ציוניות הנחה הגונה.

Книгоиз. „Іешурунъ", Вильна

Verlag „Ieschurun" Wilno Russland.

וויר מאכען אויפמערקזאם

אויף דעם פריוואט **כירורגישען שפיטאל** פון ד"ר **בארעל** ווארשא מוראנאווסקא 14. אלע אפעראציאנען ווערדען דורכגעפיהרט פאן ד"ר בארעל. אנגענומען ווערדען חירורגישע קראנקע יעדען טאג פון 3-10 **פריוואט וואהנונג** דזיקא 3 פון 10—9 אונד 7—4.

(38) 26—10

אבאנאמענטס־פרייז פאר רוסלאנר:
יעהרליך 4 רובל, האלב־יעהרליך 2 רובל
פיערטעל־יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון
שלום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב־
יעהרליך 3 רובל, פיערטעל־יעהרליך 1.50
רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר'
אויסצאהלען אין ראטען: ביים אויסשרייבען
2 רובל, דעם 1־טען אפריל 1 רובל, 1־טען
יולי 1 רובל און דעם 1־טען אקטאבער די
לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 16 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ.
30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט
30 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

יודישע
פאלקס־צייטונג.

א וואכען־בלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

די אדרעססע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія" Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ"
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

די אדרעססע פאר עסטרייך־אונגארן
און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung"
Krakau, Sebastyangasse 32.

אבאנאמענטס־פרייז:
עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . 5 „
פיערטעל־יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון
שלום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען;
11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק.
האלב־יעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק
6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעל־יעהר־
ליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30
שילינג; 7.29 פראנק.

ענדערן די אדרעססע קאסט 20 קאפ.
40 העלער.

4 Februar 1903. Nr. 6. ז' שבט תרס"ג.

פארלוירען די אמונה

עס זענען געווען צייטען ווען מיר האבען געגלויבט צופיעל, געהאט אמונה אפילו אין שדים און אין רוחות; היינט אבער האבען מיר פערלוירען די אמונה אין פיעל זאכען און מעהר פון אלעם אין זיך אליין.

מיר זענען אזוי געפאלען אין אונזערע אייגענע אויגען, אז ווען אויך אנדערע פרעמדע האלטען שטאל און אייזען פון אונז און אונזערע כחות, גלויבען אין אונזער אייגענע קראפט גלייך ווי מיר, להבדיל, אין משיח'ן אליין, איז ביי אונז אין הארצען תמיד א שווערער ספק, טאמער וועלען מיר עס ניט אויספיהרען, און פערגעסענדיג דעם עקר הדבר, די הויפטזאך, קריכען מיר באלד אריין אין פוסטע פראזען, אין פערפלאנטערטע פילאזאפיעס, אבי זיך אליין אבצונארען, און דורך די ניט געבעטענע מחשבות פערלירען מיר אליין דעם מוטה און שוואכען נאך אב דעם חשק אפילו ביי די, וועלכע זענען פון נאטור ענערגישער און פעהיגער פאר אונז.

מיט זעכס יאהר צוריק האט א בליץ געגעבען אין אונזער חושכ'דיגען ווינקעל, פון באזעל האבען מיר דערהערט א קול, מען האט אונז געזאגט אהן קונצען: ברידער, אויב איהר ווילט זיין מיט לייטען גלייך, אויב אייך איז ליב אייער קיום און עקזיסטענץ, טא שלאפט ניט און הויבט אן עפיס צו טהון. וועגען האט איהר פערשידענע, נאר דער עקר ניט שלאפען און וועקען דעם פערשלאפענעם גייסט. האלט זיך אלע צוזאמען, מונטערט איינער דעם אנדערען און פארגעסט ניט איינס, אז אונזער הילף איז אין אונזער אלטער היים, ביי פרעמדע טישען קענען מיר אויף גוטס ניט ווארטען, דער בעסטער בעל־הבית וועט אונז העכסטענס פון רחמנות וועגען געבען אבלעקען א ביינדל און־טערן טיש.

קלאר איז געווען דעמאלט דער פסוק, פערשטענדליך איז געווען דאס באזעלער פראגראם און פונדעסטוועגען זענען אין די עטליכע יאהר אויף דעם פסוק אנגעווארפען אזוי פיעל פערשידענע פירושים, אז מיר האבען פון גרויס טומעל דעם פראסטען פשט פערגעסען. אונזערע בעסטע פארשטעהער האבען פון פיעל וכוחים אראבגעלאזען דעם קאפ און אנגעהויבען אויך צו מורמעלן אונטער'ן נאז, אז אפשר איז דער צד כנגד טאקי גערעכט, מיר זענען נאך טאקי ניט ראוי צו ווערען א פאלק, עס איז נאך צו פריה צו געבען א קרעכץ, וועלכער זאל זיך אבקלינגען פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, מען דארף זיך ארויס שלאגען פון קאפ די הויכע און ווייטע פלענער און דערווייל פאמעליך זיך בעגראבען אין דער ערד און ווארטען — עד שיבא המלך המשיח.

און דאס אלץ האבען מיר נאר צו פערדאנקען דעם ביטערען גלות... די אור־אור אייניקלעך פון די חשמונאים, קינדער פון אמאליגע העלדען פון ירושלים שעמען זיך יעצט ניט אפען צו זאגען, אז זיי האבען פערלוירען די האפנונג אין זיך אליין. פרעמדע פון נאס פערשטעהען אונזער וואונש און גלויבען אין אונזער צוקונפט, נאר מיר אליין פיהלען די חרפה ניט, זיך מודה צו זיין אין אונזער שוואכקייט.

טובות טהון מיר מיט דעם כלל ישראל און שענקען אמאל אין א יובל א קאפעקענע מארקע פאר דעם נאציאנאל־פאנד, מיט גרויס פראטעקציע לאזען מיר זיך ענדליך איינרעדען און קויפען אויף ראטעס איין אקציע פאר זיך און די גאנצע פאמיליע, בתורת נדבה בעצאהלען מיר אויך דעם שקל, דעם סימן און איינציגען צייכען פון דעם אפיציעלען ציוניזם. און מיר שפירען ביי דעם גאר ניט ווי גרויס אונזער זינד איז, וואס מיר קענען אזוי גלייכגילטיג רעדען און האנדלען פון אזוינע זאכען, וואס פארנעמען ביי אנדערע פעלקער דעם וויכטיגסטען פלאץ אין הארצען און אין לעבען. מיר שפירען ניט די חרפה און פיהלען ניט דעם צער, ווייל אונזער הארץ איז פערגליווערט און דער בטחון אויף בעסערע צייטען האט שוין אין גאנצען אויסגעהערט. מיר האבען זיך אליין פיינדט און דריבער קענען מיר ניט האבען קיין צוטרויען אין אונזער אייגענעם אידעאל. אויסצוווארצלען די ספקות פון אונזערע פערשטיינערטע הערצער, אויספהיצען דעם אויסגעלאשענעם פייערל און

איינוואָרצלען טיעף ליבּע און האָפנונג צו אונזער צוקונפט, אָט וועגען דעם איז מחויב צו זאָרגען יעדער פאָטער און יעדער יוד, וועלכער גלויבּט אין דעם, אַז עוד לא אָבדה תּקותנו.

ת.

צווישען גאַזעטען.

אין „הצפירה״ געפינען מיר איין אינטערעסאַנטען אַרטיקעל וועגען דעם אומגליקליכען ליובּאשיצקי. מיר געבּען עס דאָ איבּער אַבּיסל געקירצט:

זייט א פּאָר חדשים קאָן ה׳ ליובּאשיצקי קיין מנוחה נישט געפינען, ער איז גרייט אויף מלחמה. ער בּעשאַפט זיך אין דער פאַנטאַזיע א שונא און האַלט מיט איהם מלחמה, אַ מלחמה אויף לעבּען און טויט און דער גאַנצער עולם לאַכט גאָר.

און אין כּעס איז ה׳ ליובּאשיצקי אויף דעם זשאַרגאָן און ער געוואַלדעוועט, מאַכט קולות עד לשמים, וואָס איז? די זשאַרגאָן־צייטונגען זענען איהם זאַלץ אין די אויגען, פעפער אין נאָז.

דאָס איז איין אמת׳ער חלול השם, בּעשאַפען א ליטעראַטור פאַר דעם פּראָסטען המון, פאַר דעם פאָלק, ה׳ ליובּאשיצקי קאָן נישט און טאָר נישט מסכּים זיין, אַז דאָס וואָס איז געשריבּען געוואָרען אין דער מאַוס׳ער שפּראַך, וואָס מיליאָנען יודען רעדען עס, זאָל מען אָנרופען „ליטעראַטור״.

און דאָס גאַנצע פאָלק איז בּיי איהם ווי איבּעריג, על כּל פּנים איז עס נישט זיין זאַך, ער קעהרט זיך מיט זיי ניט אָן און רופט זיי טאַקי דעריבּער „זייער פאָלק״

און ער איז א בּא בּטענה.

— גיט מיר צוריק אָבּ, געוואַלדעוועט ער, די העבּרעאישע שרייבּער, וואָס איהר האָט פון אונז צוגעגנבעט, וועלען מיר זעהען, וואָס פאַר א ליטעראַטור איהר וועט האָבּען.

און עס איז טאַקי א גרויס רחמנות אויף איהם, נאָר וואָס קאָן מען איהם העלפען, עס איז א בּיטערער גזר.

נאָר אַז די זאַך האַלט בּיי פּקוח נפשות, וועל איך מיך פּריווען איהם א בּיסל טרייסטען, אפשר וועט איהם עפּיס לייכטער ווערען.

א מעשה וועל איך איהם דערצעהלען, א מעשה שהיה:

מיט א יאָהר 10 צוריק, אַז בּן אבינדור האָט אָנגעהויבּען אַרויסגעבּען די ספרי אגורה. געטהאָן אַזאַ געוואַלדיגע עולה, וואָס איז נאָך נישט דערהערט געוואָרען אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור. האָט די עולה נישט געקאָנט צוזעהען א געוויסער העבּרעאישער שרייבּער. וועלכער האָט אַוודאַי מורא געהאַט ער זאָל נישט בּרויכען ליידען פאַר דעם זינדיגען דור און האָט געמבּול׳ט מיט מאמרים געגען בּן־אבינדור. א שטיקל גליק וואָס ער האָט נישט געקאָנט, אַז נישט וואָלט ער מחריב עולמות געוועזען; נאָר דאָס וואָס ער האָט געקאָנט טהון האָט ער געטהאָן, הַיינו: ער איז צו די ספרי אגורה נישט צוגעשטאַנען, ער האָט פאַר זיי נישט געשריבּען.

דערוויל האָט זיך אָבּער די גראַשענדיגע ליטעראַטור פערשפּרייט אין אַלע אונזערע פינסטערע ווינקעלעך, פון די ספרי אגורה איז אַרויסגעוואַכסען די ליטעראַרישע געזעלשאַפט „אחיאסף״ און דערנאָך „תושיה״ און די וועלט איז זיך געבּליבּען א וועלט.

ווער עס איז געשוואוּמען געגען שטראָם האָט איהם דער שטראָם פערטראָגען, אַז כּמעט ווייסט מען פון איהם נישט מעהר.

און מיט אַזאַ אופן איז ער ניצל געוואָרען פון די ספרי אגורה און וועט פאַר איהר נישט דאַרפען ליידען.

די איינענע מעשה וועט אַוודאַי זיין מיט ליובּאשיצקען.

דער שטראָם פליעצט, די זשאַרגאָן־ליטעראַטור וואַכּסט אַלץ גרעסער און גרעסער, „זייער״ פאָלק פערלאַנגט גייסטיגע שפּייז. העבּרעאיש איז דערוויל נאָך נישט אַלעמען פערשטענדליך, נאָכ׳ן

פעליעטאָן.

צעזייעט און צעשפּרייט.

בּילדער פונ׳ם יודישען לעבּען.

אין דריי אַקטען

פון

שלום-עליכם.

(פאָרטזעטצונג).

IX-טע סצענע

(מאיר און חנה.)

חנה. פּאַפּאַשאַ, דאָס האָסט דו מיך גערופען?

מאיר. איך, איך! דאָס האָבּ איך געהאַט דאָס עזות מטריח זיין דיך, מיין טאָכטער! דאַכט מיר, אַז איך מעג מיר נאָך פאַרגינען דיך מטריח זיין, צי ניין? זעץ דיך נאָר אַוועק, וועסט דו מיר אָנשרייבּען צום פּריץ א בּריף. דאַכט זיך, אַז איך מעג דיך מטריח זיין אָנשרייבּען א בּריף, צי ניין?

חנה. ווער זאָגט דען אַז ניין?

מאיר. איך האָבּ געוואָלט זעהען, זאָלסט מיר זאָגען ניין! קאַרג האָבּ איך געהאָרעוועט פון אייערט וועגען, אויסגעריסען געוואָרען, זיך מפקיר געוועזען, זיך געלאָזט קאָסטען געלד? לסוף עס קומט צו עפּיס, איז דער אַ פּריץ און יענער אַ ציוניסט ... אַרויסגעוואָרפען געלד!

חנה. וואָס עפּיס פּלוצים געלד?...

מאיר. וואָס? אפשר ניין? דו האָסט מיך אפשר ווינציג געלד געקאָסט?... גימנאַזיע, רוסיש, און דייטש, און פראַנצויז, און אויפ׳ן פאָרטעפּיאַן שפּילען, און טאַנצען און... און... און... וואָס ניט?... צו ליבּ וועמען האָבּ איך זיך איבּער געצויגען אַהער אין דעם טומעל, אַז ניט צו ליבּ אייך?

חנה. דו בּיזט גערעכט, פּאַפּאַשאַ, נאָר איך וואָלט דיר מוחל געוועזען דאָס שפּיעלען מיט׳ן טאַנצען, אַבּי דו זאָלסט מיך בּעסער אָפּשיקען אויף די קורסען; דאָס וואָלט געוועזען בּיי מיר טייערער פון אַלסדינג...

מאיר. וואָסערע קורסען? וואָסערע פלאַמען? מע דאַרף נישט קיין קורסען, האָבּ איך דיר איין מאָל געזאָגט! נאַדיר נאָר קורסען פּלוצים אין מיטען דרינען!

חנה. (פאַר זיך) אפּנים נישט די גוטע שעה (וויל אַוועק געהן).

מאיר. שטעה נאָר! וואָס אַנטלויפסט דו? וואָס לויפט איהר אַלע? וואָס אַנטלויפט איהר? וואָס בּין איך עפּיס, א בּער? וואָס טהוט זיך עם מיט אייך?

חנה. דו טרייבּסט איטליכען בּאַזונדער און זאָגסט, אַז מע אַנטלויפט פון דיר...

מאיר, וואָס איז דאָס פאַר איין ענטפער? וואָס איז דאָס פאַר א מאָדע רעדען מיט א טאַטען?...

חנה. דו פרעגסט, ענטפערט מען דיר. — (וויל אַוועק געהן.)

ערך נאך פערשטעהט איהר נאר א קליינער טהייל פון פאלק. די זשארגאנישע ליטעראטור האט א גרויסע צוקונפט, און וועט דעם פראסטען עולם פיעל נוצען ברענגען, עס וועט זיי די אויגען עפענען.

זי האט וועך עס דארפען איהר און דאס גיט איהר א זכות הקיום.

אז ה' ליובאשיצקי האט מורא ער זאל נישט דארפען ליידען פאר'ן דור, זאל ער טהון ווי זיין בן עיר האט געטהאן; זאל ער נישט צושטעהן צו דער זשארגאנישער ליטעראטור, די היסטאריע וועט זיך טהון דאס איהריגע.

זאל ער נישט צו שטעהן — קיין גרויס היזק וועט זי דערפון נישט האבען.

און ה' ליובאשיצקי מיינט פערקעהרט. אז דאס וואס די רעדאקציע „יודישע פאלקסצייטונג" האט איהם זיין זשארגאנישען כתב יד אומגעקעהרט צוריק און נית געוואלט דרוקען, איז דערפון אומגליקליך געווארען דאס יודישע פאלק.

פאליטישע ענינים.

(די דארדאנעלען פראגע. ענגלאנד אין אפריקא. פראנקרייך זעהט זיך ארום. די לאגע אין עסטרייך).

ענגלאנד איז שטארק ברוגז אויף די טערקישע רעגירונג דערפאר, וואס זי האט די רוסישע רעגירונג ערלויבט דורכצופיהרען איהרע שיפען דורך די דארדאנעלען און איהר נישט.

די דארדאנעלען זענען 4 פעסטונגען, וועלכע זענען געבויט ביי דעם דארדאנעלען-קאנאל. אין דעם דאזיגען קאנאל קומען זיך צוזאמען דער מארמארישער ים מיט דעם עגעאישען ים און דארטען פעראייניגען זיך איירָאפא מיט אזיע. די דארדאנעלען ווערען בעטראכט אלס דער שליסעל פון קאנסטאנט-נאפאל. אין יאהר 1878, בשעת עס איז געשלאסען געווארען דער בערלינער טראקטאט, האט מען אבגעמאכט, אז טערקיי זאל קיינעם פון די איירָאפעאישע רעגירונגען נישט לאזען שיקען זייער פלאטע דורך די דארדאנעלען, אבער די טערקישע רעגירונג האט דערויף עובר געוועזען און אין יאהר 1891 האט זי ערלויבט רוסלאנד צו שיקען איהרע שיפען דורך די דארדאנעלען. נאר ביז נישט לאנג האט זיך רוסלאנד מיט דעם ערלויבניש נישט בענוצט. ערשט פאר פיער חדשים האט רוסלאנד בסוד איהר פלאטע דורך זיי געשיקט. אז ענגלאנד האט זיך דערפון דערוואוסט, האט עס איהר שטארק פערדראסען, זי פערגינט נישט רוסלאנד זאל האבען אזא איינפלוס אויף טערקיי. דער ענגלישער מיניסטער פאר אויסלאנד לארד לאנסדאהן האט אפילו שטארק פראטעסטירט געגען דעם, אבער ער האט גאר נישט גיפועל'ט.

ענגלאנד זעהט, אז אין איירָאפא האט זי נישט מעהר אזא ברייטע דעה, ווי זי האט אמאל געהאט, זי ווייסט, אז דייטשלאנד, צו וועלכע זי חנפה'עט זיך און געהט מיט איהר צוזאמען אויף מלחמה מיט ווענעצועלא, וועט צוליב איהר זיך נישט צעקריגען מיט רוסלאנד אדרבא, דייטשלאנד זוכט איהר פריינדשאפט מיט רוסלאנד צו פערשטארקען. פאריגען זומער איז קייזער ווילהעלם אליין געוועזען אין רוסלאנד און נישט לאנג האט ער דעם קראנפרינץ אהין געשיקט. און ענגלאנד ווענדעט דעריבער אן אלע איהרע כחות צו פערשטארקען איהר ממשלה אויף די קאלאניעס אין אפריקא און דער עיקר אויף טראנסוואל.

ענגלאנד בויט זעהר פיעל אויף טראנסוואל, פאר וועלכע זי האט אזוי פיעל מיליאנען גאלד און אזוי פיעל טייכען בלוט פערגאסען; זי איז זיכער, אז טראנסוואל וועט איהר אומקעהרען איהרע

מאיר. שטעה נאר שטעה! זאג מיר נאר, חנה, מילא מאטוויי איז א פוסטער בחור, חיים איז גלאט אמשוגע'נער, זיך ארייגעלאזט אין נארעשקייטען, אבער דו ביזט דאך נישט קיין נאריש מיידל, זאג מיר וואס טהוט זיך עס מיט אייך? איהר האט זיך ווי אנגערעדט אלע מיר טהון אויף צו להכעיס! מיר דאכט, אז מע גיט אייך נאך אלסדינג: איהר ווילט גימנאזיע — נאט אייך גימנאזיע; איהר ווילט ארקאדיע — נאט אייך ארקאדיע... דאס ברודערל דיינס, מאטוויי; א רעכטער נאר נישט? פון רעסט ווענגן, וואס פאר א מין שידוך האב איך פון זייגעטוויגען אויסגעזוכט! פונ'ם שענסטען יחוס!... וויפיל קאסט דאס מיך געלד און וויפיל געזונד!... צי אשטיינער, די שוועסטער דיינע, וויפיל האט מיך אפ געקאסט איהר חתונה מיט איהר גט; פון רעסטווענען לאז נאר נאט צו שיקען עפים א רעכטען זווג, וועל איך איהר ווידער אמאל געבען נדן... פון דיר רעדט מען נית, אז איך וועל דיר נית זשאלעווע! קיין פינף און צוואנציג טויזענד, און אפשר טאקי אלע דרייסיג; און א חתן וועל איך מסתמא אויך זעהען דיר געבען אועלכען, וואסקאטארי...

חנה. ארייגק דיר פאפאשא! איך האב דיר געזאגט וויפיל מאל, אז איך דארף ניט דיין נדן און דארף ניט דיין חתן, דו שיק מיך בעסער אפ אויף...

מאיר. (ארויס פון די כלים) הא? וואס? וואס האסטו געזאגט? דו דארפסט ניט מיין נדן? דו דארפסט ניט מיין חתן?... אט אזוי דאנקט איהר מיר אפ? אוועק פון מיינע אויגען! (עס לויפט אריין מלכה. חנה געהט אוועק.)

X-טע סצענע

(מאיר און מלכה.)

מלכה. נאט איז מיט דיר, מאיר! וואס טהוט זיך עס? ביזט עפים היינט נאר ווילד און געננג!... אויף וואסער זייט ביזט דו אויפגעשטאנען? צעטריבען אלע קינדער!...

מאיר. וועלכע גוטע יאהר האט געשיקט נאך דיר? ס'איז ניט דיין באבעס דאגה! געה דיר געזונדערהייט אין דיין רוה אריין!!...

מלכה. (צו זיך) נישט אנדערש, אז ער איז חלילה פונ'ם זינען!... גאט ברוך הוא וברוך שמו זאל זיך שומר ומרחם זיין!... (געהט אוועק)

XI-טע סצענע

(מאיר אליין.)

מאיר. (שפאנט אפאר מינוט הין און צוריק, שטעלט זיך אפ, חאפט א בענקל, הויבט דאס אויף און טהוט דאס א ווארף אין דער ערד אריין) א חליערע!!!.. נעהט צו דער טיר און באגעגענט זיך מיט די מחותנים. רב משה'לי זיידענשטאמער אין א שבת'דיגער קאפאטע, א זיידענעם קאשקעט מיט א ברייטען דאשעק. איטעלי זיידענשטאמער אין איין אלטמארישען פאריק, א טערקישע שאל, אפאר לאנגע דימאנטענע אויהרינגלעך. נאך זיי קומט אן מלכה.)

XII-טע סצענע

(מאיר, מלכה מיט די מחותנים.)

מאיר. (פריינדליך) א! ברוך הבא! געסט!... זעצט זיך! זיצט! פאר וואס זיצט איהר ניט? (באזעצט די געסט, טהוט א ווינק צום

הוצאות כפל־כפלים. די ענגלישע מיליאנערען, וואס באמת האבען זיי מעהר ווי טשעמבערלען גורם געוועזען די לעצטע מלחמה אונ האבען די רעגירונג געשטיצט מיט זייערע שילינגס, וועלען דערפאר אבנעמען פונטען, גאנצע פונטען גאלד. ענגלאנד, וועלכע האט נישט געקאנט צו זעהען דעם צער פון די אויסלענדישע „ווייסע", וועלכע די בורען האבען נישט געוואלט געבען קיין גלייכע רעכטען אונ איז טאקי צוליעב דעם געגאנגען מלחמה האלטען מיט די בורען, זי אליין שאפט היינט אב די ווייסע, וואס ארבייטען אויף איהרע באהנען אונ אנדערע ארבייט אונ נעמט אנשטאט זיי די שווארצע, וואס ארבייטען פאר א קלענערען מקח. ענגלאנד וויל איצט צוריק איינמאנען איהרע הוצאות, וואס זי האט אויף די קאלאניעס אויסגעגעבען, זי האפט אז פון דארטען וועט זי מאכען גרויסע עשירות אונ קימערט זיך דעריבער ווייניג, וואס אין איהר אייגען לאנד קומט פאר.

דער פאר אבער קימערט זיך פראנקרייך נאר אום די אינטערעסען אין לאנד אונ זוכט נישט קיין גליקען אין קאלאניעס.

זייט די גרויסע מפלה, וואס פראנקרייך האט געהאט אין יאהר 1871 אין די מלחמה מיט פרייסען, ווען מען האט ביי איהר צוגענומען די צוויי פראווינצען עלזאס אונ לאטרינגען, האט זי נאר געטראכט וועגען נקמה, איהר גאנצען כח האט זי אנגעווענדעט צו פערגרעסערען איהר חיל אונ האט דערווייל געלאזט אויסוואכסען די גייסטליכע פארטיי, וואס ביז וואלדעק־רוסא'ס צייטען איז געוועזען ידם על העליונה. ערשט נאך דעם סקאנדאל־דרייפוס האט זיך דאס פאלק ארומגעזעהען, אז זיינע אמת'ע גוטע פריינד זענען נישט די וואס ווילען פערגיסען בלוט צוליב נקמה, נאר די וואס ווילען שלום אונ זוכען צו מאכען בעסערע ארדענונגען אין דער מדינה גופא. דאס פראנצויזישע פאלק האט ביסלעך־ווייז זיך מיאש געוועזען פון די צוויי אנגעווארענע פראווינצען אונ טראכטען שוין נישט מעהר פון מלחמה מיט פרייסען, א סימן, אז זיי האבען אויסגעקליבען בורזשוא פאר א פרעזידענט אין פארלאמענט אונ דעם אנפיהרער פון די סאציאליסטען זשארעס פאר א וויצע־פרעזידענט, דעם אייגענעם זשארעס, וואס האט עפענטליך געזאגט, אז ער איז מוחל פרייסען במחילה גמורה די צוויי פראווינצען אונ וויל צוליב דעם אפילו נישט איין מענשען פון פראנקרייך פערלירען.

גרינג קאן עס אנקומען פראנקרייך, וואס איז גאר איין פאלק אונ רעדט נאר איין שפראך, איינצופיהרען ארדענונגען אין איהר מדינה. קוים האט דאס פאלק זיך ארומגעזעהען, וואס עס איז פאר איהם בעסער, ווייסט עס שוין וואס ער האט צו טהאן, שווער אבער איז עסטרייך צו מאכען ארדענונג אין איהר מדינה, וועלכע איז צוזאמענגעקלעבט פון 8 פעלקער, וואס רעדען אויף עטליכערליי שפראכען, וואס יעדעס פאלק בעזונדער זוכט נאר זיין אייגענע טובת־הפרט אונ די טובת המדינה בכלל געהט איהם נישט אן. די מיניסטארען אין עסטרייך האבען זעהר א שווער אויסקומעניש, זיי קענען קיינמאל נישט יוצא זיין אלע דעות; קוים טהוט די רעגירונג צוליב איין פאלק, פיהלט זיך דאס אנדערע געקרענקט אונ לאזט ניט צו קיין ארדנונג אין פארלאמענט ביז מען וועט איהם אויך מפיס זיין אונ דעריבער הערשען שוין אפאר יאהר שטרייטיגקייטען אין עסטרייך אונ אלע נייטיגע שטאטסגעשעפטען ווערען פארנאכלעסיגט. עס איז קיין נייעס נישט סקאנדאלען אין פארלאמענט אונ אמאל אויך געשלעג.

ווייב, מע זאל עפיס דערלאנגען צום טיש. מלכה געהט אוועק אונ קומט אריין צוריק מיט דער דינסט, די דינסט שטעלט אוועק א גרויסע זילבערנע טאץ מיט כל טוב: משקה אונ פארבייסען, כל המינים לעקעך אונ איינגעמאכטס.) וואס זשע מאכט איהר עפיס גוטס? פאר וואס זעהט מען אייך ניט? וואס מאכט עפיס די כלה? אונ ווי געהט עס אייך אין געזונד? . . .

רב משה'לי. (צענעמט די פאלעס פון דער שבת־דיגער קאפאטע, צעלייגט זיך גאנץ ברייטליך אין א ווייסען פאטעל, טראגט אונטער א זילבערען פישקעלי מיט טאבאק צו דער נאז, רעדט הויך, נאר געצעהלטע ווערטער לאזט אוים אלע מאל מיט א לאנגען „אונ יא—א—א" . . . אונ איטעלי מיט מלכה'ן רעדען זיך בשעת מעשה צווישען זיך שטילערהייד) וואס איך מאך? דאנקען השם יתברך . . . געגאנגען פערביי . . . „מיר וואלטען נישט אריינגעגאנגען", זאגט זי, די אלטע מיינע, „קום לאמיר אריינגעהן", זאג איך, „קום לאמיר אריינגעהן". איהר דארפט וויסען, אז מיר געהען זיך דורך כמעט אלע טאג . . . מיר האט דער דאקטאר אנגעזאגט, איך זאל געהן אונ געהן אונ געהן! לופט, לופט האט ער מיר אנגעזאגט! אונ יא—א—א . . . די לופט, הערט איהר, דאס איז א גרויסע זאך! . . . מיין טאטע עליו השלום פלעגט נאך זאגען, אז לופט דאס איז . . . ע . . . ע . . . ע . . . איהר פארשטעהט? (מאכט מיט די הענד).

מאיר. איך פארשטעה, פאר וואס זאל איך ניט פארשטעהן . . . נעמט עפיס אין מויל אריין! מלכה, בעט זיי זיי זאלע עפיס נעמען אין מויל אריין.

מלכה. איך בעט אייך, נעמט עפיס אין מויל אריין!

רב משה'לי. שייך זאגען איהר פארשטעהט? וואס פארשטעהט איהר? איהר פארשטעהט גאר ניט, איהר זענט פראסטע מענשען, למאי זאלען מיר זיך נארען? (ניסט, טהוט זיך א ציה מיט'ן האנט ביים לינקען אויהער אונ זאגט „לישועתך קויתי ד'").

איטעלי מאיר אונ מלכה. (אלע דריי) צו געזונד אונ צו אריכת ימים! . . .

רב משה'לי. אדאנק! . . . די מעשה דערפון איז אזוי. דער טאטע מיינער זכרונו לברכה פלעגט זאגען. אז לופט איז אזא מין זאך, וואס קיין מענטש אונ קיין לעבעדיגע זאך קאן זיך אהן דעם נישט באגעהן. אונ יא—א—א . . . לופט רייניגט אונז די געבליטען אינוויינינג – דאס איז איין מאל אוועק. והשנית בעדארפען מיר האבען לופט, אזוי ווי . . . אזוי ווי . . . אזוי ווי . . . וואס זאל איך אייך כדומה למשל אנחאפען?

מאיר. נו כדומה למשל אזוי ווי געלד? נעמט עפיס אין מויל אריין; . . . מלכה, בעט זיי זיי זאלען עפיס נעמען! . . .

מלכה. איך בעט אייך, נעמט עפיס אין מויל אריין!

רב משה'לי. הא? וואס האט איהר געזאגט? אזוי ווי געלד? א משל כחרס הנשבר! נא דיר נאר געלד! . . . אי זענט איהר, מחותן א דאס . . . חע־חע . . . ביי אייך איז אפנים דער עיקר נאר געלד? ביי אונז, זעהט איהר, איז פונקט קאפויר: געלד איז בלאטע! . . . (ניסט, טהוט זיך א ציה מיט דער האנט ביים לינקען אויהער אונ זאגט: „לישועתך קויתי ד'".)

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— די רוסישע רעגירונג האט בעשלאסען מבטל צו זיין די האנדעלס־געריכטען און אנשטאט זיי וועט מען מאכען איין אבטהיילונג פאר האנדעלס־משפטים ביי די „אקרוזשנאי סוד“.

— אין רוסלאנד האט מען היינטיגען חודש געפייערט דאס 200 יעהריגע יובילעאום פון דער רוסישער זשורנאליסטיק. די ערשטע רוסישע צייטונג איז ארויס אין מאסקווא אין יאהר 1703 און האט געהאט דעם א ביסל צו לאנגען נאמען: „א צייטונג פאר מיליטערישע ענינים און אנדערע זאכען, וואס מען דארף וויסען, און וואס עס האט פאסירט אין די מאסקעווער הערשאפט און אין די אנדערע דערביי־אינע לענדער“. די צייטונג איז דאס רוב געדרוקט געווארען אין מאסקווא און טהיילמאל אויך אין פעטערסבורג. איינער פון איהרע מיטארבייטער איז געוועזן דער רוסישער קייזער פעטער דער גרויסער, אדער ריכטיגער געזאגט: דער ערשטער רוסישער רעדאקטאר.

— די אוניווערזיטעט אין יוריעוו האט נישט לאנג געפייערט איהר 100 יעהריגעס יובילייאום. די פארשטעהער פון אוניווערזיטעט האבען געוועהלט דעם רוסישען שריפטשטעלער גראף טאלסטאי און דעם רוסישען גייסטליכען יאהאן פון קראנשטאדט אלס עהרענמיטגלידער. דער גייסטליכער יאהאן פון קראנשטאדט האט דעם עהרענטיטעל נישט אנגענומען.

— דעם קומענדיגען זומער וועלען אין רוסלאנד קומען צו פאהרען איינינע חינעזישע בעאמטע און איינער פון די גרעסטע חינעזישע סוחרים, כדי זיך צו בעקענען מיט דעם רוסישען מסחר.

— די בעאמטע פון די גימנאזיעס אין רוסלאנד האבען מודיע געוועזן די עלטערן פון די שילער, אז ווען א שילער וועט נישט קומען אין גימנאזיום מחמת דעם וואס ער איז קראנק אדער איין אנדער וויכטיגע סבה, מוזען די עלטערן אדער די אפוטרופסים דאס געבען צו וויסען דעם אייגענעם טאג דעם אינספעקטאר, אויב נישט וועט מען דאס רעכענען דעם תלמיד, אז ער איז מחמת ווילדקייט נישט געקומען.

— די צייטען איז געפאהרען דער דירעקטאר פון ווארשאווער ווינער באהן נאך פעטערסבורג, וואו ער וועט פאר דעם וועג־מיניסטער פארלעגען דעם פלאן פון דעם צענטראל וואגזאל אין ווארשא, וועלכער דארף קאסטען צוזאמען מיט דער נייע בריק, וואס מען מוז צוליב דעם בויען אויף די ווייכסל, ארום 30 מיליאנען רובל.

— קומענדיגען פריהלינג וועט דער דייטשער קראנפרינץ מיט זיין ברודער מאכען א רייזע אין די מארגענלענדער, צווישען זיי אויך אין פאלעסטינא.

— אין בערלין האט מען אין דעם קארל־וויים טהעאטער פארגעשטעלט אין א קאמעדיע: „פאמיליע עמבער אדער 100 מיליאנען שווינדעל“.

— די פראנצויזישע רעגירונג האט ערלויבט צוריק אריינצונעהמען דעם פאלקאווניק פיקאר און רייגאק אין מיליטער־דינסט, וועלכע מען האט אויסגעשלאסען מחמת דעם וואס זיי האבען זיך אנגענומען פאר דרייפוסען.

— דער פאריזער קארעספאנדענט פון דער ענגלישער צייטונג „טיימס“ בלאוויץ איז געשטארבען, די „טיימס“ האט אנגעשריבען א וואַרימען ארטיקעל אויף איהר אמאליגען קארעספאנדענט און כמעט אלע גרעסטע אייראפעאישע בלעטער שרייבען וועגען איהם ארטיקלען. איינע פון די וויכטיגסטע זאכען, וואס מען דערצעהלט פון איהם איז, וואס ער האט פערעפענטליכט אין „טיימס“ דעם בערלינער טראקטאט וואס איז געשלאסען געווארען אין יאהר 1878 נאך דעם רוסיש טערקישען קריג. איהם האט מען אויך צו פערדאנקען, וואס עס איז אין יאהר 1875 נישט אויסגעבראכען קיין מלחמה צווישען פראנקרייך און פרייסען.

אין נומער 3 „פאלקסצייטונג“ קענען אונזערע לעזער געפינען א קורצע ביאגראפיע וועגען בלאוויצען.

איטעלי מאיר און מלכה. (אלע דריי) צו געזונד און צו אריכת ימים!...

רב משה'לי. אדאנק!... ביי אונז איז, זאג איך, פונקט דער היפך. געלד איז בלאטע, בלאטע שבבלאטע!... ביי אונז איז דער עיקר „מענטש“; פריהער מענטש און נאכדעם משפחה. און יא—א—א... איהר פארשטעהט וואס מע רעדט צו אייך, מש—פ—חה!...

מאיר. איך פארשטעה, פאר וואס זאל איך ניט פארשטעהן? נעמט עפיס אין מויל אריין!... מלכה, בעט זיי, זיי זאלען עפיס נעמען אין מויל אריין.

מלכה, איך בעט אייך, נעמט עפיס וואס ניט איז אין מויל אריין.

רב משה'לי. משפחה—דאס איז א גרויסער ענין! און יא—א—א... מיין זיידע עליו השלום, ער זאל האבען אליכטיגען גן עדן, פלעג זאגען אזוי: „הערט זשע קינדערלעך; איהר זאלט וויסען, אז מיר קומען ארויס פון די זיידענשטאמערס, פון דעם גרויסען רב משה'לי זיידענשטאמער“, (דאס היים איך טאקי נאך איהם א נאמען) און יא—א—א... אט דער דאזינער רב משה'לי האט געהאט א ברודער, א יונגערען פון איהם, האט ער געהייסען רב יוסילי, טאקי מיין אלטערס א זיידע... (צום ווייב) אזוי, צי ניין?

איטעלע. אזוי אזוי, ווי דען? נאר מיר דאכט, אז ניט דאס האסט דו געוואלט זאגען.

רב משה'לי. הא? יא, ביזט גערעכט. גוט וואס דו האסט מיך דערמאנט. די מעשה, פארשטעהט איהר מיך, איז אזא מעשה... דאכט זיך מיר, אז אביסל בעדארפט איהר מיך שוין קענען מיט מיין חאראקטער... איך בין א מענטש א שטילער, א רוהיגער, איך האב פיינט די אלע היינטיגע פליהעכצען, מיטין פי—פו, ווי זאגט ער: „געה נישט גיך, וועסט דו ניט רייסען קיין שוך“. איהר האט געהערט אמאל דאס דאזיגע גלייך־ווערטל?

מאיר. געהערט, וואס דען ניט געהערט?

רב משה'לי. נו, זאלט איהר וויסען זיין, אז דאס דאזיגע גלייך־ווערטל איז מיין זיידענס גלייך־ווערטל... ער, זכרונו לברכה, אוי האט ער געהאט אין זיך איינפאלען!... נאר וואו האלט איך? יא בין איך מיר הייסט עס א מענטש א רוהיגער מיט א רוהיגען חאראקטער, זעהר ארוהיגען חאראקטער! און יא—א—א... אנקוקען קאן איך ניט אט די פליהערס, מיט די היינטיגע פיינע בריה'ס, מיט די היינטיגע פרנסות, מיט דעם היינטיגען שניט... און יא—א—א... איך בין מיר געוואהנט געווארען שטיל, פארשטעהט איהר מיך, פאוואלינקע, מיט כבוד. איך וועל ניט געהן שווארצען דאס פנים, שטעהן ביי'ם פריץ ביי דער טיר, זיין א פאקטאר ווי אנדערע... און יא—א—א... איך וועל מיר שוין אפשטופען, ווי זאגט ער, דאס וועלטל אט אזוי... (צום ווייב) הא? וואס זאגסט דו, איטעלי?

איטעלי. אוודאי אזוי!... נאר מיר דאכט, אז ניט דאס האסט דו געוואלט זאגען...

רב משה'לי. הא? גערעכט. איך וועל באלד ארויף קומען דערויף... און יא—א—א... איז הייסט דאס וואס? גאר ניט!... מיין שטוב ווייסט איהר דאך מסתמא מיט'ן הויף?

מאיר. מיר ווייסען, וואס דען? מיר ווייסען ניט? פאר וואס

— דער פראנצויזישער פרעזידענט לובע האט בעשלאסען צו בעזוכען דעם איטאליענישען קעניג אין רוים, אויך וועט ער בערייזען אלזשיר און פון דארטען וועט ער רייזען קיין טונים.

II. יודישע נייעס.

רוסלאנד. די פערעהרער פון באראן גינצבורג ארבייטען אויס א פלאן צו גרינדען לכבוד זיין 70 יעהריגעם יובילעאום א סעמינאר פאר העברעאישע לעהרער.

— אויף די וועטערינער־פערזאמלונג אין פעטערסבורג וועט מען בעהאנדלען די שחיטה־פראגע.

— אין ווארשעווער פילהארמאניע האט מען געגעבען א קאנצערט פאר די ווארשעווער בילינער קיך פאר ארימע.

— דער ווארשעווער פעראיין, וואס זארגט פאר ארימע קראנקע קינדער, איז מודיע, אז אלע עלטערן, וועלכע האבען קינדער, וואס ליידען אויף שקראפעל און ווילען זיי שיקען אויף זומער קיין טשעחאטשינעק, זאלען זיך מעלדען בעצייטענס.

— די יודישע אינטעליגענציע אין ווארשא, ארבייט אויס א פלאן צו בעקומען איין ערלויבניש; צו עפענען א קלוב ספעציעל פאר יודען.

— דער יודישער גביר איגנאץ בערנשטיין אין ווארשא האט מנדב געווען 3000 רובל פאר די יודישע ביבליאטהעק, וואס איז ביי די גרויסע שוהל.

— אין אדעסא וועט מען היינטיגעס יאהר עפענען צוויי יודישע עלעמענטאר־שולען פון די הכנסה פון דער טאקסע.

— אין לאדז איז געגרינדעט געווארען א חברה „שפת ציון". דער צוועק פון דער חברה איז צו רעדען העברעאיש און איהר פערשפרייטען אין אלע קלאסען.

— אין ראוונא (וואהלינער גוב') איז געגרינדעט געווארען א חברה „דוברי עברית".

— די אלמנה און יורשים פון דעם יודישען גביר א. מ. סאלאווייציק אוים סיביר האבען בעשלאסען צו בויען אין קרעמענציג צום זכרון פון דעם פערשטארבענעם א הויז פאר ארימע בעלי מלאכות.

— ד"ר נאלדבלאט און קויפמאן ווייס אוים לאדז האבען אבגעמאכט מיט דעם הערן טענענבוים, וועלכער איז א גוטסבעזיצער, ער זאל לערנען מיט די יונגלעך, וואס ענדיגען אין דער ציוניסטישער תלמוד תורה, ערדארבייט.

— די רוסישע צייטונגען שרייבען, אז אין דעם מיניסטעריום דעם אינערען בעהאנדעלט מען די פראגע אויב מען זאל די שטאדט רינא אויך אריינרעכענען אין די שטעדט, וואו יודען מעגען וואהנען.

עסטרייך-אונגארן. אלם וויצע בירגעמייסטער אין קראקא האט מען געשטעלט צווישען די קאנדידאטען דעם פרעזידענט פון דער יודישער געמיינדע ד"ר הורוויץ.

— אין בודאפעסט איז געשטארבען ד"ר יוסף קאדאר, וועלכער איז אמאל געווען רב אין פוגאראש. דער דאזיגער רב האט געוואלט מאכען א נייע רעליגיאנס־כתה, מבטל צו זיין שבת און מילה.

— ד"ר ביק פון לעמבערג, פיאללא אוים ברין, לעוויט אוים פילזען און ליכטענשטיין אוים פראג האבען געשיקט דאנק־בריף דעם לאנדאנער לארד־מער, ווייל ער האט זיך אנגענומען פאר די יודען אין רומעניען און האט דעם רומענישען קאנסול נישט איינגעלאדען צו זיך צווישען די איבריגע קאנסולען.

דייטשלאנד. אין בערלין וועט קירצליך זיין איין אינטערעסאנטער משפט. אלע יודען, וואס וואהנען אין קאניץ האבען געמאכט א משפט אויף דעם בעוואוסטען אנטיסעמיט אהלווארדט דערפאר וואס ער מאכט אויף זיי פון נייעם איין עלילת דם.

פראנקרייך. אין פאריז איז געגרינדעט געווארען א חברה „עבריה", וואס האט דעם צוועק צו פערברייטערען אין פאריז דאס רעדען אויף העברעאיש. דער פרעזידענט פון דער חברה איז פראפעסאר יוסף הלוי.

ענגלאנד. אין דער לעצטער מלחמה צווישען ענגלאנד מיט די בורען זענען אומגעקומען 130 יודישע סאלדאטען.

נעמט איהר עפים ניט אין מויל אריין? מלכה, בעט זיי, זיי זאלען עפים נעמען אין מויל אריין.

מלכה. איך בעט אייך, טהוט מיר צו ליב, נעמט עפים וואס ניט איז אין מויל אריין!

רב משה'לי. ווייסט איהר הייסט עס מיין שטובל מיט מיין הויף? א פיין שטובל און אהיבשער הויף... און יא־א־א... האלט איך איצטער ביי איבערבויען דעם פלינעל און דארף האבען פארשטעהט איהר מיך, געלד! און אייב איהר ווילט וויסען בעדארף איך אצינד זעהר האבען געלד און טאקי נייטיג!... און איך, פארשטעהט איהר, אז איך בעדארף האבען געלד, איז ניט גלייך ווי איין אנדערער. ווארום איך וועל אייך קלאר מאכען: איין אנדערער אז ער דארף געלד, קאן ער זיך איין עצה געבען, איבער דרעהען, דאס יענק... און יא־א־א... און איך בין נישט גלייך צו קיין אנדערען, ווארום איך בין נישט קיין אבי ווער, למאי זאלען מיר זיך נארען? איך בין פארשטעהט איהר מיך, א ויידענשטאמער, און די ויידענשטאמערס זענען ביי זיך גרויסע גדלנים! און יא־א־א... א ויידענשטאמער וועט זיך לאזען דעם קאפ אראפנעמען און וועט נישט בעטען ביי יענעם!... אט אזא מין פאלק איז דאס! (ניסט, טהוט זיך א ציה מיט דער האנט ביי'ם לינקען אויהער, זאגט: לישועתך קויתי ד').

איטעלע, מאיר און מלכה. (אלע דריי) צו געזונד און צו אריכת ימים!...

רב משה'לי. א דאנק... איז וואו האלט איך הייסט דאס? און א; איז בעדארף איך איצטער זעהר נייטיג האבען געלד! ווי אזוי מיינט איהר נייטיג? ממש עס זעצען די אויגען פונ'ם קאפ! נישט מחמת דאס געלד גופא, נאר צו ליב די הכרחיות, וואס איך קאן זיך אהן דעם ניט באגעהן. און יא־א־א... דאס הייסט ווען למשל די הכרחות געהט איבער, איז דעמאלט ביי מיר דאס געלד שוין א לאו דוקא. געלד און ניט קיין געלד איז ביי מיר דעמאלט אלץ איינס... און יא־א־א... אט אזא מענטש בין איך, און אט אזוי ווי איהר זעהט זענען מיר אלע ויידענשטאמערס אזעלכע. (צום ווייב) הא? איטעלי, וואס זאגסט דו, אזוי, צי ניין?

איטעלי. אודאי אזוי, ווי רען? נאר מיר דאכט, אז דו האסט זיי עפים איין אנדער זאך געוואלט זאגען, פאר וואס זאגסט דו זיי ניט?...

רב משה'לי. וואס זאל איך זיי זאגען? איך האב זיי שוין אלסדינג אפגעזאגט. וואס איז? אזעלכע בהמות זענען זיי, אז זיי פארשטעהען שוין ניט וואס מע רעדט צו זיי? צי מע בעדארף זיי טאקי ארייןלעגען א פינגער אין מויל אריין, זיי זאלען איהם אפבייסען?... מיר דאכט, אז דער שכל הישר זאגט זיי שוין אליין, אז איך, ווי באלד איך בעדארף האבען א גמילות חסד, בעדארף איך נישט געהן צו קיין פרעמדען, און א מחותן איז דאכט זיך פארט עפים א שטיקל איינענער, הא?

מאיר. וויפיל אשטיינער האט איהר בעדארפט האבען דאס... געלד מיין איך? מלכה, פאר וואס בעטסט דו זיי ניט, זיי זאלען עפים נעמען אין מויל אריין?

מלכה. נו, טהוט מיר צו ליב איך בעט אייך נעמט שוין עפים חאטש וואס ניט איז אין מויל אריין!

רב משה'לי וויפיל איך בעדארף האבען געלד? א שטות'עריי,

— סיר יוסף סעבאן־מאנטיפיארע, דער פלעמעניק אונ דער יורש פון משה מאנטיפיארי, איז געשטארבען אין לאנדאן צו 80 יאהר.

— אין דעם מאקאבעער־קלוב אין לאנדאן האט מען געמאכט א גרויסארטיגען באל לכבוד דעם יודישען לארד־מער.

— דער ענגלישער קעניג האט געשיקט א דאנק־בריף צום יודען סידניי לי פאר זיין ווערק „געשיכטע דער קעניגין וויקטאריע", וועלכע ער האט נישט לאנג געלאזט אבדרוקען.

— פערגאנגענעם חנוכה זענען זיך צוזאמענגעקומען אין לאנדאן 500 יודישע סאלדאטען, דערונטער אויך איינע יודישע אפיצירען אין א שוהל צום דאווענען. דער ענגלישער פעלד־מארשאל ראבערטס האט זיינע יודישע סאלדאטען אנגעטהאן דעם כבוד אונ איז געקומען אנגעטהאן אין אוניפארם אין דער שוהל ביים דאווענען, אויך דער לארד מער סיר סעמיועל איז געוועזען צום דאווענען אנגעטהאן אין זיין אוניפארם.

מאראקא. אין פעץ איז געוועזען גרויסע פאגראמען געגען יודען, ביי וועלכע עס זענען גע'הרג'עט געווארען 20 יודען.

באראן גינצבורג.

מ"ז טבת איז באראן נפתלי הירץ גינצבורג אויס פעטערסבורג 70 יאהר אלט געווארען אונ דעם 17 דעצעמבער איז געווארען 40 יאהר זייט עס האט זיך אין רוסלאנד געגרינדעט די חברה „מרבי־השכ"ה", אין וועלכע דער באראן איז באלד אין דער התחלה געוועזען דער וויצע־פרעזידענט אונ פון 1878 יאהר דער פרעזידענט.

פאמיליע גינצבורג איז איינע פון די גרעסטע אונ בעוואוסטע פאמיליעס אין רוסלאנד. צוערשט האט די דאזיגע פאמיליע געוואהנט אין דייטשלאנד, נאך אין דעם 17־טען יאהרהונדערט האבען זיך א טהייל פון דער משפחה איבערגעקליבען אין פוילען אונ אין 18־טען יאהרהונדערט געפינט מען שוין איינינע פון דער פאמיליע אויך אין דער ליטא. אין א משך פון 400 יאהר האט די פאמיליע גינצבורג ארויסגעגעבען בעוואוסטע חכמים, רבנים, גאונים אונ מחברים. די גרעסטע ראליע הויבט אן שפילען די פאמיליע אין די צייטען פון ר' שמעון גינצבורג, וועלכער רעכענט זיך פאר דעם ערשטען פון די פעטערסבורגער גינצבורגס. ר' גבריאל יעקב גינצבורג, וועלכער האט זיך ערווארבען א גרויס קאפיטאל, איז דער פאטער פון דעם ערשטען יודישען באראן אין רוסלאנד ר' יוסף יוזל גינצבורג. דער דאזיגער גינצבורג האט זעהר פיעל געטהאן פאר דעם יודישען כלל, ער האט זיך פיעל משתדל געוועזען ביי די רוסישע רעגירונג פאר די יודען אונ האט פיעל געפועל'ט. טויזענדער, טויזענדער רובלעס האט ער ווי מען זאגט ממש געשאטען אויף אלץ, וואס איז נאר דערפון ארויסגעקומען א טובה פאר דעם כלל ישראל אונ דער זוהן זיינער דער היינטיגער באראן גינצבורג, וועלכער האט פערגרעסערט דאס פארמעגען פון דער פאמיליע, האט אויך פערגרעסערט זיין חסד מיט אלע נויטבעדערפטיגע יודען הן דעם פרט הן דעם כלל אונ דאס טהוט ער נאך עד היום. זיין נדבה איז תמיד די ערשטע אונ די גרעסטע.

III. ציוניסטישע נייעס.

— ד"ר הערצל איז זיך די לעצטע צייט משתדל צו בעקומען איין ערלויבניש צו עפענען איין אמת'ע פיליע פאר דער קאלאניאל־באנק אין עסטרייך.

— דער גראנד ראבינער אין לאנדאן ד"ר אדלער האט געזאגט צום פארשטעהער פון די ארטהאדאקסישע ציוניסטען אין ענגלאנד, אז ער איז א ציוניסט מיט דעם גאנצען הארצען, נאר איהם געפעלט נישט ד"ר הערצלס אונ נארדוים שיטה.

— די ווארשעווער ביורא פאר דער יודישער קאלאניאל־באנק איז מודיע, אז זי האט שוין איהר ארבייט געענדיגט אונ האט שוין אלץ געבראכט אין ארדנונג אונ האט די ארבייט געשלאסען.

דאס הייסט ביי מיר הייסט דאס געלד, נאר ביי אייך איז דאס א גאר נישט . . . סך הכל א פאר טויזענד קערבלעך . . .

מאיר. (דערשראקען) א פאר טויזענד ?

רב משה'לי. אויף דער ערשטער צייט. שפעטער, אז איך וועל זיך שטעלען בויען וועל איך בעדארפען האבען נאך אזעלכע צוויי דריי טויזענד . . . רעכען איך אז איהר זאלט . . .

מאיר. חס וחלילה ! ווא—וואס רעדט איהר ? ווייס איך וואס איהר רעדט ? אזעלכע געלדען האב איך ניט אונ האב גאר קיין . . . קיין . . . קיין מאל ניט געהאט ! . . . פאר וואס נעמט איהר עפיס ניט אין מויל אריין ? מלכה, בעט זיי. זיי זאלען עפיס נעמען אין מויל אריין.

מלכה. איך בעט אייך, טהוט מיר צו ליב, נעמט זשע שוין חאטש עפיס, חאטש וואס ניט איז, נעמט עפיס אין מויל אריין !

רב משה'לי. א ז ע ל כ ע געלדען האט איהר ניט ? וואס הייסט א ז ע ל כ ע געלדען ? וועלכע דען געלדען האט איהר ?

מאיר. קיין . . . קיין . . . קיין שום געלדען האב איך ניט ! פאר וואס נעמט איהר עפיס ניט ? . . . מלכה ! . . .

מלכה. איך בעט אייך נעמט . . .

רב משה'לי. (טהוט זיך א ווארף צוריק אויפ'ן פאטעל) הייסט דאס זאגט איהר מיר אפעט ?

מאיר. חס וחלילה ! ווא—וואס הייסט איך זאג אייך אפעט ? איך זאג אייך ניט אפ, נאר קיין געלד, זאג איך, קאן . . . קאן . . . קאן איך אייך ניט געבען, מחמת איך . . . איך . . . איך האב ניט . . .

רב משה'לי. (שטעהט אויף מיט א טיפען זיפץ, דרעהט זיך אויס צום ווייב) דארפען מיר נאך געהן, הייסט דאס, אויף דער פאסט ? הא ? וואס זאגסט דו, איטעלי ?

איטעלי. פארשטעהט זיך אויף דער פאסט ! . . .

רב משה'לי. אונ פון דארטען ערגיץ נאך ? . . . הא ? וואס זאגסט דו, איטעלי ?

איטעלי. פארשטעהט זיך ! . . . (זיי דרעהען זיך אויס ביידע מיט די פנים'ער צו דער טיר אונ געהען אוועק מיט גרויס גדלות אהן א זיי געזונד !

XIII-טע סצענע

(מאיר אונ מלכה אליין, שטעהען א פאר מינוט ווי געלעמט.)

מאיר. (צו מלכה'ן) נו ? . . .

מלכה. (צו מאיר'ן) ננו ? ? . . . אשטילע סצענע ; דויערט א מינוט)

——— סוף פונ'ם ערשטען אקט. ———

(פארטזעצונג קומט.)

ווארשאווער בריף

איהר מיינט אוודאי, אז גאר נישט... אז טויזענדער יודישע פאמיליעס אין קעלער-שטובען און אין „פאציאטעס" פריערן און קיי־נעם געהט עס נישט אן... מיר האבען ב"ה דאזארס, וואס זארגען פאר דער קהלה. נאך זומערצייט געדענקען זיי גוט, אז עס וועט אנקומען א ווינטער, ווען ארימע לייט וועלען, חוץ הונגער, קרענק און אנדערע צרות, ליידען קעלט, און פאר אזא קהלה ווי די ווארשאווער פאסט נישט אנדערש, ווי צו האבען אין איהר יעהרליכען בעריכט א בעזונ־דערע רובריקא: „הייצונג פאר ארומע לייט"...

בכן, בשעת עס איז נאך ווארעם און די קוילען זענען נאך בי־ליג, רופט מען אוים א ליציטאציע (טארגעס) אויף 20 וואגאנען קוילען און דער סוחר, וואס לאזט אראב דעם מקח, דער בלייבט די ארימע לייטס פערזארגער...

די מחוצפים, די עזות־פנים'ער, דאס הייסט די ארימע־לייט שרייען אפילו אלע יאהר געוואלד, אז נאך דעם אנפירען זיך גאנצע טעג ביי דעם „גבאי'ס" טיר נאך דעם צעטל און דערנאך אין קוילען־סקלאד — בעקומען זיי ערשט אנשטאט קוילען שטיינער און אויך נישט אזוי פיעל, וויפיעל זיי האבען געברויכט צו בעקומען...

נאר ווער קוקט אויף דעם, וואס אזוינע לייט זאגען? ווער הערט זיי? אונזערע גבאים האלטען יעדען יוד בחזקת כשרות, א סוחר וועט אוודאי איין ארימאן קיין עולה נישט טהון, און וועט אוודאי געבען קוילען כשר און עהרליך, אפילו ווען ער וועט מוזען שענע הונדער־טער צום געשעפט דערלעגען (ווען דער סוחר וואלט טאקי געגעבען גוטע קוילען און איין עהרליכע וואג, וואלט ער געמוזט באמת פיעל היזק האבען נאך דעם פרייז, וואס ער נעמט). דעריבער טאקי געפינט זיך נישט ביים אויסטיילען די קוילען, קיין איינציגער בעאמטער פון די וועלכע זיצען אין קהל־שטוב... און דער סוחר שפירט זיך פראנק און פריי, און טהוט אזוי, ווי נאר זיין ליצעטאציעס געוויסען טראגט איהם אוים...

און מיינט איהר אפשר, אז ארימע־לייט זענען ביי אונז ווי די בני יחידים און אונזערע „דאזארס" פערצערטלען זיי, אז ביי א ליאדע קעלטל זאלען זיי זיך פערקיהלען? חלילה... אז דאס יאהר זענען גע־וועזען גרויסע פרעסט פאר ניי יאהר, האט מען זיי געהייסען האבען א ביסל בטחון, חאטש ביז נאך ניי יאהר. זאלען זיי דערוויייל געוואהנט ווערען מיט דער קעלט. וואס מעהר איז בעסער... ווארען וואס בעקו־מען זיי דען משטיינס געזאגט שוין נאך ניי יאהר, אויפ'ן צעטל מיין איך? — פון 4 ביז 6 פוד קוילען. האט איינער גוטע צדדים, גיט דער „גבאי" איהם צוויי צעטלען — מעהר ווי 6 פוד אויף איין צעטל טאר זיך נישט געפינען. נו, איז נישט בעסער, אז די ארימע לייט ווערען פריהער צו געוואהנט צו קעלט?...

נאר ווייסט איהר, וואס ארימע־לייט קענען? איהר מיינט אוודאי, אז אויב זיי בעקומען א צעטל אויף קוילען, נעמען זיי אלע טאקי קוילען? עס זענען פערהאנען צווישען זיי אזוינע, וואס קומען צום סוחר מיט אזא מין פארשלאג:

— א פוד קוילען קאסט עטליכע צוואנציג קאפיקעס, גיט מיר צעהן קאפיקעס פאר יעדען פוד, וואס איך האב צו נעמען ביי אייך און פטור.

און אויב דער סוחר איז א גוטער. בעשטעהט ער אויף דעם פארשלאג, און גיט דעם ארימאן געלד אנשטאט קוילען, אדער שטיינער, ווי די ארימע לייט זאגען.

און חאטש ארימע לייט איז — ווי אונזערע בעלי־טובות זאגען — נישט צו גלויבען, דאך האבען אונזערע גבאים דאס יאהר אביסל צו ליב געטהאן די ארימע לייט, און העלפט פון די 5000 רובל, וואס זיי האבען בעשטימט אויף הייצונג פאר ארימע לייט, צעטהיילען זיי מזומן געלד און נאר פאר די אנדערע העלפט קוילען.

איהר וועט אוודאי פרעגען: ממה נפשך? איז מען ווידער שוין יא דערגאנגען, אז עס איז בעסער צו טהיילען געלד אויף קוילען, ווי קוילען, ברויך מען דאך אלע צו טהיילען געלד?...

איהר מוזט אבער גוט געדענקען, אז די גבאים אליין זענען רחמנא ליצלן אויך אומגליקליכע מענשען... ביי זיי אין הארצען איז נעביך נישט ווייניגער קאלט, ווי אין די געפרוירענע קעלער־שטובען און זיי זענען איינגעפאסט אין א ראם פון אייז, פון וועלכע זיי קענען זיך נישט ארויסרירען. ווען נישט דאס וואלטען זיי אוודאי קיין „ליצי־טאציעס" נישט געמאכט, נאר זיי וואלטען אליין געקויפט קוילען און זיי צעטהיילט דורך זייערע בעאמטע, נישט דוקא נאך ניי יאהר און נישט נאר 4 — 6 פוד... געלד וואלט זיך אין ווארשא געפונען אויף מעהר, ווען מען וואלט נאר געוואוסט, אז דערפון ווערד עפים...

אוי, די ראם פון אייז, די ראם פון אייז... פיעל מאל פיהלען זי גוט נישט נאר ארומע לייט. פאר עטליכע טעג איז געשטארבען אין פראגא דעם דאקטאר עמאנואל'ס פרוי. זי איז כל ימיה געוועזען בע־שעפטיגט מיט כלל־זאכען, ווי מיט איהרע אייגענע קינדער. דורך איהר מיה איז געגרינדעט געווארען אין פראגא א פריוט (אחראנא) פאר ארימע קינדער, זי האט אויך פיעל געארבייט צו פערברייטען דעם ציוניזם צווישען יודישע טעכטער און אפילו ווען זי איז שוין געלעגען אויפ'ן טויטען בעט, האט זי נאך געקלערט וועגען נאך איין אנשטאלט פאר עלטערע קינדער. דעם כבוד פון דעם אלעם, האט זי רוהיג איבערגעגעבען אנדערע.

צו איהר לויה האבען זיך צונויף געקליבען מענשען פון אלע קלאסען, אזוי פיעל, אז די בריטע טארגאווע גאס איז געוועזען שווארץ פון מענשען, דער פראסט איז געוועזען גרוים, און דא שטעהט מען און ווארט, א שעה, צוויי, דריי און די „עגלה" זעהט מען נישט.

וואס איז די מעשה?.

זוכט וועט איהר געפינען, אז די אורזאכע פון דעם איז ווידער די „ראם פון אייז", אין וועלכע עס זענען איינגעפאסט דאס רוב פון אונזערע שטאדט־פיהרער. זיי זענען אליין צו פיעל פארפרוירען, דע־ריבער מאכט ביי זיי ניט אוים, וואס טויזענטער מענשען ווארטען אויף דעם פראסט שעה'ן ווייז אויף דער „עגלה"...

דערגענען נעפינען מיר ביי חסידים היץ און ביי די ביאלער — צו פיעל... קיין גרויסע גבירים זענען זיי נישט און דאך, ווען זיי הא־בען געוואהר געווארען, אז זייער רבי'צין איז נעביך א בעל־חוב

האבען זיי מיט גרויס התלהבות ארויס געחאפט דרייסיג טויזענד רובל און בעצאהלט איהרע חובות.

און ווייסט איהר פאר וואס זי איז אזוי פיעל שולדיג געוועזען? — פאר צירונג און קליידער וואס זי קויפט און לאזט זיך מאכען — ווי די חסידים דערצעהלען — חס ושלום נישט ביי יודען, נאר ביי „מאנקעלעוויטשען" און „הערזען". קיין אנדער צירונג און קיין אנדערע קליידער קאן זי מיט איהרע טעכטער און שנור נישט טראגען...

עזריאל.

באיארקע (קיעוו. גוב.). באיארקע איז אין גאנצען איין סטאנציע פון קיעוו. ביי אונז איז פאראן סך הכל 10 יודישע פאמיליעס. דער האנדעל אונזערער בעשטעהט נאר פון דעם זומער. אויף זומער קומען צו אונז א סך דאטשניקעס פון קיעוו און די יודען זענען דאמאלס מעקלערס פון דירה'ס גלאט אזוי זיך הויז משרתים ביי די דאטשניקעס און א גאנצען ווינטער איז גאר פאר די יודען קיין פרנסה ניט דא. מיט 3 יאהר צוריק נאך דער איניציאטיווע פון ה' דוקלער און אנדערע באיארקער יודען, האט זיך געעפענט ביי אונז א חדר מתקן.

אין דעם חדר לערנען זיך אלע קינדער יונגלעך און מיידלעך איבער 70 פערזאן. איבערהויפט לערנען זיי העברעאיש (עברית בעברית) די קינדער האבען זיך אזוי איינגעוואהנט מיט דער העברעאישער שפראך, אז זיי רעדען צווישען זיך העברעאיש. א חוץ דעם לערנט מען מיט זיי די יודישע געשיכטע און אויך די רוסישע שפראך און אריפמעטיק. פערשטעהט זיך, אז די באיארקער עלטערן קענען ניט צאהלען נאך זייערע פערדינסטען נאך קיין שכר למוד פאר די קינדער; דעריבער מוז זיך די שולע אויפהאלטען ניט פון דעם שכר למוד, דער געלד־געבער פאר דער שולע איז אלץ דער זומער און די דאטשני־קעס. חאטש אפילו אזא סארט הכנסה איז ניט קיין קרן קימת, אזוי ווי אנדערע שולען האבען, נאר מיר זענען שוין געוואהנט צו דעם, אז אונזערע שולען אזוי ווי אונזער גאנץ לעבען זאל הענגען צווישען הימעל און ערד און דאך לעבען מיר דורך די ענערגיע פון דעם אייביגען יוד.

ש. א.

היינטיגע יאהרען

פון

מ. י. ב.

יודישע שמחות. אמאליגע יאהרען האט דאס טאקי געהאט א פנים. דער לעקעך איז געווען לעקעך, דער בראנפען איז געווען בראנפען, און דער עולם האט זיך משמח געווען, אז עס איז געקומען דערצו, אז מען האט חתונה געמאכט א מיידל, א יונגל, צי מען האט געמאכט א ברית, א בר־מצוה, גלאט אזוי א שמחה'לע — פארוואס ניט? פארוואס זאלען זיך יודען ניט משמח זיין? איטליכער מענש האט קרובים, גלאט אזוי גוטע פריינד. משפחות זענען משפחות. אז גאט העלפט שסע, איז א ודאי גוט, איז ניט אזוי, איז נאך אויך נישקשה, אז מען איז אונטער יודען. מען פארלאזט קיינעם ניט, און אז מען איז זיך משמח, פרייט מען זיך טאקי ביז טיף אין הארצען אריין, אז יודען זענען יודען און האבען דעם בורא, וואס ער האט זיי ליב, אז זיי זענען אלע זיינע פון קליין ביז גרויס. טרינקען לחיים, מאכען א ברכה אויף א שטרודל איז גוט, מע האט גלאט הנאה צו רעדען מיט מענשען און זיין פריילי. אז דארט קאן מען גאר לויבען זיינע קינדער און טאקי זיך אליין ווייזען, ווי מען איז לייטיש אנגעטאן. אז דארט רוהט מען אויס פונ'ם עול פרנסה און אלע דברי חול. גאט האט הנאה אז יודען זענען פריילי און האבען בטחון. טאקי מען טרינקט און מען עסט, אבער ס'איז ניט גלאט זולל וסובא; יודען זענען אין איינעם. ווער שמועסט א זמר'ל, א טענצל מיט דער כלה און אהן דער כלה, דאס איז א שמחה על פי דין ועל פי טבע.

היינטיגע יאהרען אבער איז אלץ ניט אזוי... אויס'ן קוק איז אלץ אזוי ווי אמאל, אבער אין הארצען האט עס ניט מעהר דעם פנים. אז מען איז יענעם א שונא בשעת מען מאכט ביי איהם קדוש, אז מען האט בכלל קיין חשק ניט צו גארניט, נאר וואס זאל מען טהון: מען מוז געהן. די חתונות אליין האבען ניט דעם בליסק ווי אמאל: אז די טאטעס אליין האבען גאר איין אנדער הארץ פאר קינדער; אז די קינדער זענען גאר מאדנע און ווילען געהן אין שלאפעס. וואס מיר טאטע, ווער מיר מאמע, ווער מיר פריינד. נא דיר א האלב קערבל דרשה גע־שאנק, אבי טשעפע זיך אב פון מיר, אי ווער גייט מיך? גארניט, זאל א הונט ניט בילעי. דער מחותן אליין איז זיך אויך ניט אזוי מתנגע אז מען זאל צו איהם קומען. פארשטעהט זיך, מוז איך בעטען ראובנ'ען און חיים'ען און חייקיל'ען, כלומרש'ט גוטע פריינד, וואס זיי ווינשען מיר, זאל פאלען אויף זייער קאפ. און וואס איז די שמחה, איך מאך חתונה א יונגל. אבער ווי אזוי מאך איך?

אזוי געהט מען צו דער חופה, דאכט זיך; דער רב איז מסדר קדושין, קלעזמער זענען אויך דא, צוויי יודען אין ראזאוואלקעס האל־טען די ברענענדיגע לעכט, און איין אלטע מומע מאכט זיך א הארץ און טהוט א שפרונג, מען פויקט, מען געהט צו דער גילדענער יויך, אבער ביי'ם טיש זיצענדיג, בשעת מען פיהרט דעם לעפעל אין מויל אריין טראכט זיך איטליכער אין הארצען; טרעפט וואס! מען טראכט זיך: עס איז ניט דאס, וואס אמאל.

דער כלל.

פון

מ. י. ב.

איטליכער יוד, אפילו א פראסטאק, א קירזנער, א קאוואל, א מאראטשניק, צי וואס ער איז, ווייסט ביי אונז אויך עפים פונ'ם כלל. ער ווייסט, אז חוץ פון זיין שטאדט, וואו ער וואהנט, ווי טאקי לאדיזענקע, טאראוועצא, טאלנא, יארמאליניעץ און אדעס איז נאך דא אסך יודען אין אלע ווייטער מקומות. טאקי ארץ ישראל אויך, אין אמעריקא גארניט צו רעדען, אויך דארטען אין „קירה" און אין דייטש־לאנד. מונטיפיור האט גאר געוואהנט אין ענגלאנד, אזש נאך ווייטער פום פראנצויז. דארטען זענען אויך פאראן אמין יודען. — אז דער כלל ישראל איז געהויבען איז דאנק השי"ת, און אז עס זענען דא גזרות אויף יודען, לאזט מען אראב דעם קאפ. וואס איז שייך, פרנסה איז אפילו דער עיקר, מע מוטשעט זיך טאג און נאכט, כדי צו פארדינען

דאס שטיקעל ברויט. דער ענין פונ'ם כלל איז אבער א זאך, וואס איז תמיד דא און וואס געהט אין הארצען אריין, ניט נאר דער כלל פון היינט, נאר פון אלע מאל כסדר...

אפילו א סעדעכע פונ'ם מארק, וואס איז אריינגעטהאן אין איהרע עסקים מיט היהנער און קארטאפלעס מיט ציבעלעס, האט אויך א קוק אין די ענינים. זי ווייסט אז סע שלעכט יודען און אז די דורות לאזען זיך אויס. זי ווייסט, אז דער טאלנער זכרונו לברכה האט זיך שטארק געשלאגען מיט'ן שר, וואס דארט אויבען האט ג'עוואלט מקטרג זיין אויף אונז פאר'ן בית דין של מעלה.

אפילו לייצי די בעדערקע, וואס האט שוין קיין אויגען ניט פונ'ם רויך און איז אויסגעדבר'ט, אז סע איז ארחמנות אויף איהר צו קוקען, האט אויך א שעה, וואס זי טראכט זיך: וואס וועט זיין פון יודען, זי טראכט דאס אפילו ניט אזוי אקוראט, אבער זי דערמאנט זיך וואס איז געווען פאר צעהן יאהרען, פאר צוואנציג יאהרען, אז סע געווען אומוטום שפע און מע האט געזשעברעט מיט די הענד און היינט איז דער עולם דערשלאגען און עס איז ניטא פון וואנען צו לעבען. אז דער רבונו של עולם וועט וועלען וועט ער אויף איינמאל אויפהויבען יודען. וואס דען? ער וועט זיי פארלאזען? אז זיי זענען פארט זיינע קינדער און ער האט זיי ארויסגעצויגען פון מצרים. פון דעמאלט אן זענען מיר אין גלות. אזוי שטעהט עס געשריבען.

גיב אחאפ א קרעמער אפילו אין יאריד פאר חגא, אז ער איז שטארק פארטהון אין לייזען און האט גאר מורא, מע זאל איהם ניט צעטראגען די קלייט, גיב איהם דעמאלט אחאפ און זאג איהם: הערשיל, עס זענען דא ישועות אויף יודען! וועט ער געבען א שפרונג: — וואס איז דא? זאג גיכער, סע'שטעהט שוין אויפ'ן בלאט? אפילו א יוד אקבצן, איין אביון, וואס געהט אויס פאר א זעכסער, וועט דיר אוועקווארפען אלצדינג פאר א שטיקל נייעס; וואס איז שייך, דער כלל איז עפיס אכטעות, פאר זיך אליין וואס איז מען? אבגעלעבט די פאר יאהרען און בעגראבען, אבער דער כלל יודען איז דאך דא תמיד און בעדארף אבווארטען משיח'ן. און משיח אליין וואס טהוט ער? ער מוז טראגען אויף זיך אלע אונזערע עונות און כסדר גאט בעטען, אז מיר זאלען האבען אקיום. אברהם, יצחק, יעקב און אלע אבות זענען אויך דא און זענען מליצי יושר, אז דער שטן איז מקטרג.

געהט א יונגל אין חדר אריין, ארים און אבגעריסען, באר־פוס אין די גרעסטע בלאטעס, אז ס'איז א רחמנות, ווייסט ער שוין פון נמרוד און אמרפל און איז פרעה'ן א דם שונא, פאר וואס ער האט געמוטשעט יודען און געלאזט אויסקוילען אלע קליינע קינדער.

זיין שוועסטער יוכבד'ל א פערשמיערט מיידעלע, וואס שפילט נאך אין טשייכען און קאן נאך ניט טהון פון דאנען אהין, איז שוין אויך געוואר געווארען פון משיח'ן און פון די ראזשינקעס מיט מאנדלען.

דאס וועט אבער אלץ זיין אמאל, לעת־עתה ווערד מען פאר־שווארצט און אויסגעריסען; איך אליין וואלט שוין איבערגעטראגען מיין פעקל, אבער דער כלל, דער כלל ישראל...

דער מאלער.

געווידמעט ר. ז.

ער איז פארבייגעגאנגען א גרויס־אלט־הויז אין א לאנגער, ארימער, רוישענדער גאס. ביי א טהיר פון א וואהנונג אין דער־נידער איז געשטאנען א יונגע, ארימע פרוי מיט א קינד אויף די הענד, און ביידע, די מוטער מיט דעם קינד, האבען געקוקט ערגיץ ווייט, ווייט, איבער די הויכע הייזער, איבער די קוימענס פון פאבריקען, איבער דעם געדיכטען שווארצען רויך, וואס האט פון די קוימענס געטראגען זיך...

און אין ביידענס בליקען האט זיך אויסגעדרוקט א שטום געבעט: גוואלד, נעהם אונז צו אהין, אהין, דא איז אונז שווער, מיר ווערען דא דערשטיקט אהן לופט, אהן ליכט...

און אין די בליקען איז אזוי פיעל טרויער געלעגען, אזוי פיעל צער און בענגען, אז דעם מאלער'ס הארץ האט זיך אנגעגאסען מיט ימים ווייכע געפיהלען.

— דאס איז דער עלענד אליין! — האט ער אין געדאנק גערעדט — ווי שען און ערהאבען, ווי ריהרענד דאס בילד איז!... גאט מיינער...

ער איז בעגייסטערט געווארען. ער האט נאך אמאל אויפ'ן לעבעדיגען בילד א בליק געטהאן און האט די זעלבע בליקען בעמערקט, דעם זעלבען טרויער, דאס זעלבע בעטען זיך: אהין, אהין! און ווי געטריבען פון א געהיימע קראפט, איז ער אהיים אוועקגעלאפען.

— איך וועל בעשאפען אזא בילד! האט ער הויך אויסגעשריגען, אריינקומענדיג אין זיין ארבייט־צימער.

און דריי טעג איז ער ווי צום לייוואנט צוגעשמידט געווען, דריי טעג האט ער ניט געגעסען, ניט געטרונקען, קיינעם ניט געזעהען, ער האט געוואלט בעשאפען פונקט אזא בילד, ווי ער האט אין דער ארימער רוישענדער גאס געזעהען.

און עס איז איהם געלונגען!

אז עס איז פערטיג געווארען האט ער דערויף געקוקט מיט אינווענינגסטער שמחה, ער איז גליקליך געווען, זיינע אויגען האבען געשטראהלט, ער האט, דאכט זיך. ניט קיין בילד, נאר דאס גליק פאר זיך בעשאפען...

ער האט דאס בילד "עלענד" א נאמען געגעבען און האט עס אויף איין אויסשטעלונג אוועקגעשיקט.

די קריטיקער האבען דאס בילד בעמערקט, מען האט עס בעוואונדערט, דאס פובליקום האט זיך ענטציקט. א מבין און רייכער דאצו האט עס פאר א סך געלד אבגעקויפט.

— איהר זענט אונשטערבליך! — האט איהם אויף מארגען א בעריהמטער קריטיקער געזאגט — אייער בילד וועט אייביג לעבען!

און דער מאלער איז ווי בעטרונקען פאר גליק געווען: ער האט איין אייביגעם בילד בעשאפען...

אז ער האט זיך אבער פון ערשטען גליק אביסל אויסגעניכטערט, האט איהם א גיפטיגער געדאנק אנגעהויבען צו גאסט צו קומען.

— וואו איז די ארימע פרוי מיט'ן קינד ?

שפעטער אביסל איז דער געדאנק נאך גיפטיגער געווארען:

— דאס בילד אויפ'ן לייוואנט איז אונשטערבליך — וואו איז אבער דאס לעבעדיגע בילד דארט אין דער ארימער גאס ?...

אונ דער געדאנק איז אלץ גיפטיגער אונ גיפטיגער געווארען, ער האט איהם רוהען ניט געלאזט, ער האט איהם שאפען ניט געלאזט...

אונ איינמאל האט איהם א ציה געטהאן אהין אין יענער גאס. זעהען די ארימע פרוי.

גאר — אוי־וועה ! די ארימע פרוי, וואס האט אזוי שען געקוקט אין דער וועלט, מיט איהר ארים, קליין קינד, איז שוין מעהר דארטען ניט געוועזען.

— וואו איז זי ? וואו איז זי ? האט ער פערצווייפעלט נאכגעפרעגט וועגען איהר.

ווער ווייסט ? האט מען איהם קאלט געענטפערט.

— חא־חא־חא ! האט ער קומענדיג אהיים זיך ווילד פערגאנדערגעלאכט — דאס טויטע בילד אויפ'ן לייוואנט וועט אייביג לעבען אונ זי אליין, מיט'ן הארץ, מיט געפיהלען איז פערשוואונדען געווארען, קיינער ווייסט פון איהר געביין אפילו ניט, קיינער וועט אפילו איהר נאמען ניט וויסען.., חא־חא־חא !...

אברהם רייזען.

פריהער אונ איצטער.

I.

ניטא אמאליגע יאהרען, אמאליגע פרנסות ! אמת טאקי, די אמאליגע פרנסות זענען ניט געווען גרעסער ווי איצט, אבער דערפאר זענען זיי געווען תמיד'דיגע, ניט אזוי, ווי איצטער—א קדחת ! אמאל איז דא, אמאל ניט. היינט די הצטרכיות ? ! אוי די הצטרכיות ! צי קאן מען פערגלייכען אמאליגע הצטרכיות מיט היינטיגע ? אמאל איז רעכט געווען צו געהן אבי ווי, ווער האט געקוקט ? וועמען האט געקימערט ? אין גאס אפילו פלעגט מען געהן מיט א קארטונעם ראק, הויזען זענען געווען לאו דוקא, עס איז ניט געווען אויף וועמען צו קוקען, דער גביר פון שטעדטל פלעגט אויך ניט געהן בעסער. אבער איצט ? ! איצט מוז מען נאכטאנצען יענעם, א ברירה האט מען ? וואס זאל מען טהון ? מען האט דאך עפיס קינדער, עס ווילט זיך זיי ניט מבייש זיין, אי עס איז ניטא פון וואנען, וואס זאל מען טהון, מען מוז פערבייסען די ליפען אונ מאכען א שווייג !

היינט דאס לעבען ! צי קאן מען פערגלייכען היינטיגעס לעבען מיט אמאליגעס ? דעמסטמאל איז געווען א פרעהליך, א היימליך לעבען, אלע זענען געווען אזוי וואראם איינער צום אנדערען, אזוי ווי אמת'ע קרובים ; פלעגט זיך מאכען א שמחה'לע ביי וועמען עס איז אין שטעדטל, פלעגען זיך אלע בעלי־הבתים משמח זיין, אונ שמחה'לעך פלעגען פארקומען זעהר אפט. ווער רעדט פון שמחת בית השואבה, דעמסטמאל פלעגט מען דאך בכלל א גאנצע וואך צו זיך ניט קומען, יעדען טאג פלעגט מען הוליען ביי איין אנדערען בעל־הבית, אפילו א ט"ו בשבט, א משנכנס'ל פלעגט מען אויך א גאנצע נאכט דורכהוליען. עס איז נישט געווען קיין חלוק נגיד, ארימאן, אלע, דאס גאנצע שטעדטל, פלעגען זיין צוזאמען, עסען צוזאמען, טרינקען צוזאמען אונ הוליען צוזאמען. שמעון דער שוסטער פלעגט זיין א גאנצער בן־בית ביי ראובן דעם נגיד. היינט אבער איז יעדער פאר זיך בעזונדער, יעדער האט זיך זיין אייגען פעקל צרות, די וועכסלען־צאהלונגען פערדרעהען דעם קאפ מיט די יאהרען אזוי, אז מען ווייסט ניט אויף וואסער וועלט מען איז. אמאל פלעגט מען קריגען א גמילת חסד, היינט איז דאס אויך אויס. אונ קיין וואונדער איז עס ניט, די באנקראטען זענען אזוי שכיח, אז מען טרויט ניט פון האנד. די דאגות חיונה איז היינט ביי יעדען אזוי גרויס, אז יעדער זארגט גאר פאר זיך, מיט'ן צווייטען קימערט ער זיך וועניג, צווישען איינעם אונ דעם אנדערען שטעהט היינט אזוי ווי א וואנד, וואס לאזט ניט זיך מקרב זיין.

אזוינע מאנאלאגען איז אונז אויסגעקומען צו הערען ניט איין מאל פון אלטע בעלי־בתים, קליינע סוחרים'לעך, וואס האבען זייער גאנץ לעבען געלעבט פון מסחר. מיט גרויס בעדויערונג דערמאהנען זיי אמאליגע צייט, ווען דאס לעבען פלעגט פליסען שטיל, רוהיג, אהן שרעק אויף מארגענדיגען טאג, די דאזיגע סוחרים בענקען זעהר נאך דער צייט, ווען עס זענען ניט געווען קיין גרויסע גבירים אונ קיין גרויסע ארימע לייט, אונ מיט גרויס פעראכטונג קוקען זיי ווידער אויפ'ן היינטיגען דור, ווען יעדער איז אזוי אריינגעטהון מיט לייב אונ לעבען אין זיינע עסקים, יעדער איז אזוי קאלט צום אנדערען, אז איהם הויבט גאר נישט אן צו ארען יענעמס לאגע.

טרעפען מיר ווידער איין אלטען בעל־מלאכה, בעוויינט ער נאך מעהר די אלטע צייט, מיט א ביטערען זיפץ דערמאהנט ער יענע צייטען, ווען עס זענען נאך נישט געווען קיין מאגאזינען פון די סחורות, וועלכע ער ארבייט אויס, ווען ער האט געלעבט זעלבסטשטענדיג, ווען ער האט געהאט זיין אייגען ווארשטאט, זיינע אייגענע צייט, זיין מזל איז ניט געלעגען ביי אנדערע אין די הענט, ער האט געלעבט צוזאמען מיט זיין ווייב אונ קינד. ביז א געוויסע צייט פלעגט ער זיינע קינדער לאזען לערנען אין חדר, נאך דעם פלעגט ער זיי אויסלערנען זיין מלאכה אונ זיי פלעגען אויך לעבען אזוי שטיל, אזוי רוהיג ווי ער אליין. אמת קיין גבירות איז ניט געווען, דערפאר איז מען אבער געווען כמעט ווי זיכער פון ליידען הונגער. מיט אבגעריסענע קללות שעלט ער די היינטיגע צייט, וואו ער אליין האט שוין ניט זיין אייגען ווארשטאט, ער מוז ארבייטען פאר די מאגאזינען אדער ביי איין אנדערען בעל־מלאכה. ביי זיין אמאליגען חבר. ער הארעוועט נאך אפשר מעהר ווי אמאל, דאס ווייב הארעוועט. די קינדער הארעווען אונ סוף כל סוף איז ניטא פון וואנען יו"ט צו מאכען, עס איז ניטא מיט וואס א קלייד זיך צו נעמען, ער איז אבגעריסען פון ווייב אונ קינד, ער קאן אויף זיי קיין השגחה ניט

געבען, פון חדר מוז ער זיי גלייך אבנעמען. און דאס וואלט נאך אלץ גוט זיין ווען ארבייט וואלט זיין שטענדיג, עס געהט אבער אוועק צייטען, ווען עס איז גאר ניטא קיין ארבייט, מען פערדיענט אפילו ניט דאס שטיקל ברויט. דענסטמאל קומט שוין גאר אויס צו לעגען די צייהן אויף דער פאליצע. דער פערצייטיגער סוחר און בעל-מלאכה האפט שוין גאר נישט אויף בעסער, ער קוויקט זיך נאר מיט די אמאליגע יאהרען, זיי זענען ביי איהם אזוי זיס, אזוי אנגענעהם, אז ער הויבט זיי אן צו בעטראכטען ווי עפיס א היילינקייט, גיט זיי צו אזוינע מעלות, וואס זיי קומט גאר ניט. טרעפט זיך א קאלטער ווינטער, הויבט מען אן צו בעדויערען אמאליגע צייטען, ווען עס איז ניט געווען אזוי קאלט, זעהט מען ווי יונגלעך שטיפען — שעלטען זיי היינטיגען דור מיט היינטיגע יונגלעך א. ז. ו.

וואס איז אבער די סבה, וואס עס איז פערביטען געווארען אמאליג ווארעם לעבען אויף היינטיגען קאלטען, עגאאיסטישען דור? צי קאן מען האפען אז עס וועלען זיך אומקעהרען אמאליגע צייטען? צי לוינט ווידער צו האפען דערויף? אויף דער ערשטער שאלה וועט מען געוויס ענטפערען א קורצען תירוץ: „די צייט!“ די נייע צייט איז אין דעם שולדיג. אבער וואס הייסט די צייט? צי זענען דען די יעצטיגע חדשים, וואכען און טעג אנדערע ווי אמאל? וואו ליגט דער סוד פון דעם אלעם? אמת טאקי יעדער דור ענדערט זיך, אבער וואס איז די אורזאכע, אז דער שנוי צווישען איצטיגע דורות איז קענטיגער ווי צווישען אמאליגע? פאר וואס זענען אין מיטעל-אלטער אוועק אזוי פיעל דורות מיט א קליינעם שנוי, און איצטיגע דורות בייטען זיך מיט אזא געשווינדקייט, אז דער שפעטערדיגער דור איז אין גאנצען אנדערש פון פריהערדיגען?

בכדי דאס אלעס צו פערשטעהן, מוזען מיר גוט אויסלערנען די סבה פון אלע געזעלשאפטליכע ערשיינונגען, מיר מוזען גוט פערשטעהן די הויפט-קראפט פון דעם גאנצען געזעלשאפטליכען מעכאניזם, דאס איז פאר אונז וויכטיג איבער פיעל אנדערע זאכען — דאס וועט אונז בעלייכטען און ערקלערען פיעל ערשיינונגען, וועלכע מען האט אנגעפאנגען צו בעמערקען נאר אין די לעצטע יאהרען.

פריהער פון אלץ מוזען מיר בעמערקען, אז די אלע פער-ענדערונגען זענען פארגעקומען ניט דווקא אין יודישען לעבען, נאר אלע לענדער און אלע נאציאנען האבען געהאט אדער וועלען נאך האבען דעם אייגענעם מזל. אין אנדערע לענדער ווי למשל: ענגלאנד, דייטשלאנד, זענען די אלע פערענדערונגען נאך מעהר בולט, ווי ביי אונז. דערפון קענען מיר שליסען, אז די בעדינגונגען, וועלכע האבען ארויסגערופען אזעלכע שנוים אין לעבען, זענען אומעטום געווען די אייגענע. וועלכע בעדינגונגען זענען זיי אבער געווען? מען קאן נישט זאגען, אז עס זענען געווען גייסטיגע בעדינגונגען, ווייל יעדעס פאלק, ווי עס איז ידוע, דענקט אנדערש און פיהרט איין אנדער סארט גייסטיג לעבען, און דעריבער האט דאס ניט געקאנט זיין דער „צד השוה“, דער אלגעמיינער בעוועגער פון פערשידענע ערשיינונגען. אמת׳ער איז, אז די סבות, וועלכע האבען גורם געווען די דאזיגע פערענדערונגען, זענען געווען עקאנאמישע, ווייל דאס איז דער „צד השוה“ פון אלע לענדער און אלע מענשען. אלע ווילען עסען און דעריבער מוזען אלע פיהרען א גלייכע מלחמה פאר׳ן קיום און א גלייכע מלחמה פיהרט, געוועהנליך צו גלייכע רעזולטאטען.

ווען מיר וועלען מאכען איין אלגעמיינעם איבערבליק איבער דעם עקאנאמישען לעבען פון אמאל ביז היינט וועלען מיר קענען גוט פערשטעהן די איבריגע ערשיינונגען, וועלכע קומען פאר ביי אונז אין לעבען.

א. ש. זאקס.

וועלכע שפראכען רעדט מען.

מיט אפאר הונדערט יאהר פריהער האט יעדער געבילדעטער מענש געמוזט פערשטעהן פראנצויזיש און איטאליעניש, ווער עס האט געוואלט נאך מעהר געבילדעט זיין האט שפאניש אויך געלערנט. ענגליש האבען אחוץ די ענגלענדער, א גאנץ קליינער טהייל מענשען פערשטאנען. איין ענגלישער געלעהרנטער ווייזט אויף, אז אין דעם I. האלבען אכטצעהנטען יאהר-הונדערט האט קוים איין איינציגער געבילדעטער פראנצויז פערשטאנען די ענגלישע שפראך. צייטען בייטען זיך אבער, היינט איז עס גאנץ אנדערש געווארען. די פראנצויזישער שפראך איז נאך אפילו היינט שטארק אין דער מאדע. אבער די ענגלישע האט איהר אריבער געיאגט; נאך דיביידע שפראכען ווערד אין דער וועלט די דייטשע גערעדט. אין פראנקרייך איז היינט א חוב אין אלע שולען צו לערנען דייטש. איטאליעניש לערנט מען שוין גאר ווייניג. עס לערנט איהר נאר דער וואס וויל מאכען א רייזע אין איטאליע אדער ווער עס שטודירט די מוזיק, ווייל אין דער איטאליענישער שפראך זענען געשריבען געווארען די בעסטע ביכער איבער מוזיק. נאך ווייניגער לערנט מען שפאניש, זי איז כמעט אין גאנצען אראב פון דער סצענע, איהר לערנען נאר שפראך-געלעהרנטע. דערפאר אבער הויבט מען אן ביסלעך-ווייז צו לערנען אלץ מעהר און מעהר די רוסישע שפראך.

וואס איז די סבה דערפון?

אנדערע מיינען, אז די סבה דערפון איז, ווייל די וועלט ווערד וואס אמאל מעהר מאטריעליש און דעריבער האט מען אויפגעהערט לערנען די פראנצויזישע, איטאליענישע און שפאנישע שפראכען, וועלכע זענען די שפראכען פון פילאזאפיע, קונסט און ליטעראטור און מען האט אנגעהויבען לערנען די ענגלישע שפראך, וואס איז די שפראך פון האנדעל און ארבייט. דאס אליין איז אבער נאך נישט גענוג אבצושאפען שפראכען פון זייער ארט. דערצו זענען פאראן נאך אנדערע סבות, וואס ליגען אין די ענטוויקלונג און בעדייטונג פון די פעלקער, וואס ריידען די שפראכען.

די בעפעלקערונג פון די אייראפעאישע מדינות האט זיך אין א משך פון 400 יאהר פערגרעסערט אין פערשידענע ערטער, ווי עס איז ארויסצוזעהען פון די סטאטיסטיק, וועלכע מיר ברענגען דא: עס האבען געהאט איינוואהנער:

אין יאהר	1480 —	1580 —	1680 —	1780 —	1900 —
ענגלאנד	3700000	4600000	5530000	9561000	41200000
פראנקרייך	12600000	14300000	18800000	25100000	38800000
פרייסען	800000	1000000	1[illegible]00000	5460000	56000000
רוסלאנד	2100000	43 0000	12600000	26800000	111300000
עסטרייך	9500000	16500000	140[illegible]0000	202[illegible]0000	47100000
איטאליע	9200000	10400000	11500000	12800000	32000000
שפאניע	8800000	81[illegible]0000	9200000	[illegible]960000	18[illegible]00000
בס"ה:	46700000	592 0000	73032000	109881000	344520000

מיר זעהען, אז ביז ענדע פון דעם 18 יאהרהונדערט האט פראנקרייך געהאט כמעט א דריטעל איינוואהנער פון די אייראפעאישע מדינות. אז מען זאל נאך צורעכנען די איינוואהנער פון שווייץ און בעלגיע, וואס ביי זיי איז פראנצויזיש געווען די מוטער-שפראך, וועט עס אויסמאכען א שטארק דריטעל. איטאליעניש און שפאניש האט מען נאר אין א זעכסט חלק פון אייראפא גערעדט; ענגליש אבער האט נאר א גאנץ קליינע צאהל גערעדט.

ווי אנדערש איז עס אבער היינט! די שפאנישע שפראך איז אין גאנצען אראב פון דער סצענע, עס רעדען איהר נאך ווייניגער ווי א צוואנציגסט חלק. זי ווערד דאס איינענע, וואס אמאל די ענגלישע שפראך איז געווען. די דייטשע שפראך שטעהט אויף איין צושטאנד. די ענגלישע שפראך האט זיך זעהר פיעל פערברייטעט. נאר מעהר פון אלע האט זיך פערגרעסערט די רוסישע שפראך, עס רעדען אין איהר היינט נישט פיעל ווייניגער ווי הונדערט מיליאן.

אייראפא איז אבער נאך נישט די גאנצע וועלט, ווען מיר זאלען בעטראכטען ווי די מערב אייראפעאישע קולטור האט זיך פערברייטערט אין די אנדערע חלקים פון דער וועלט, וועלען מיר א גאנץ אנדער בילד פון די הערשאפט פון די שפראכען בעקומען. דאמאלס וועלען מיר ערשט זעהען, ווי גרויס די הערשאפט פון דער ענגלישע שפראכע איז. עס איז גענוג צו בעטראכטען ווי אין דעם לעצטען יאהרהונדערט האט זיך די שפראך אין דער וועלט פערשפרייט; דען נאר אין דעם לעצטען יאהרהונדערט האט זיך די אייראפעאישע קולטור מיט קראפט פערשפרייט אין די איבריגע וועלט-טיילען. מיר וועלען דערגעהען, אז עס רעדען אלס איהר מוטער-שפראכע:

	אין יאהר 1801:	אין יאהר 1890:
ענגליש	20,520000	111,100000
פראנצויזיש	31,450000	51,200000
דייטש	30,320000	75,200000
רוסיש	30,770000	75,000000
שפאניש	26,190000	42,800000
איטאליעניש	15,070000	33,400000
פורטוגעזיש	7,480000	13,000000
בס"ה	161,800000	401,700000

אז מיר זאלען די דאזיגע ציפערן איינטיילען אויף די צאהל מענשען פון דער וועלט וועט אויסמאכען, אז עס האבען גערעדט אלס איהר מוטערשפראך פון יעדע הונדערט:

	1801:	1890:
ענגליש	12. 7	27. 7
פראנצויזיש	19. 4	12. 7
דייטש	18. 7	18. 7
רוסיש	19. 0	18. 7
שפאניש	16. 2	16. 7
איטאליעניש	9. 3	8. 3
פורטוגעזיש	4. 7	3. 2

פון דער דאזיגער טאבעלע זעהען מיר, אז נאר איין שפראך האט זיך זעהר שטארק פערגרעסערט, דאס איז די ענגלישע. זי האט אין אנפאנג פון 19-טען יאהרהונדערט געהאט נאר איין אכטעל רעדער און צום ענדע איבער א פיערטעל. איין אנדער שפראך איז געבליבען ווי געווען, דאס איז די דייטשע. די אלע אנדערע שפראכען האבען אנגעווארען, אפילו ווייניג, אבער דאך אנגעווארען, ווי צ. ב. די רוסישע, מעהר פון אלע האבען אנגעווארען די פראנצויזישע און שפאנישע שפראך.

ענגלאנד האט צו פערדאנקען די קראפט, וואס זי האט אין דער שפראך-וועלט געוואונען, די קאלאניזאציאן אין ניט אייראפעאישע לענדער און איבערהויפט דאס בעזעצען זיך אין צפון-אמעריקא. נאר א דריטעל איינוואהנער רעדען דארטען זייער מוטער-שפראך, צוויי דריטעל אבער רעדען ענגליש. אין יאהר 1890 האבען 39 מיליאן אייראפעער גערעדט ענגליש, אבער עס האבען גערעדט ענגליש נאך 68 מיליאן מענשען, וואס וואנען אין די פעראייניגטע שטאטען און 14 מיליאן מענשען, וואס וואהנען אין קאנאדא, א חוץ אויסטראליער, קאפענגלענדער וכדומה. די צאהל פון די וואס רעדען ענגליש ווערד אלץ גרעסער און גרעסער, ווייל עס ווערד אלץ מעהר די צאהל פון די איינוואהנער אין צפון-אמעריקא, דורך די נייע עמיגראנטען, וואס הויבען באלד אן צו רעדען ענגליש און דורך די נייגעבארענע קינדער פון די פיעל איינוואנער.

מיר האבען אלזא אין אייראפא נאר דריי גרויסע וועלט-שפראכען: די ענגלישע, רוסישע און דייטשע. די פראנצויזישע שפראך, ווערד מיט דער צייט אלץ ווייניגער און ווייניגער, ווייל די צאהל איינוואהנער אין פראנקרייך ווערד אויך ווייניגער, די גערמאנישע און סלאווישע „ראסע" אבער ווערט אלץ גרעסער און מעהר. די אונגעהייער שטארקע אויסוואנדערונג אין אמעריקא פערמעהרט די צאהל פון די וואס רעדען ענגליש מיט מיליאנען. צווישען די דריי גרויסע שפראכען האט די דייטשע ווייניגער פון די איבריגע האפנונג אויף פערגרעסערען זיך, ווייל עס האט נישט קיין קאלאניען, וואס זאל גליסטען זיך דארטען צו בעזעצען. אדרבא אסך דייטשען קאלאנזירען זיך אין די ענגלישע קאלאניען און הויבען אויך אן רעדען ענגליש. די ענגלענדער אבער, אז זיי קומען אין זייערע קאלאניעס רעדען זיי אוודאי און אוודאי זייער מוטער-שפראך — ענגליש.

(ענדע קומט).

ש. קרינסקי.

איין אפענער בריעף.

אין גיכסטען וועט 25 יאהר זייט אונזער חבר יעקב דינעזאהן האט אנגעהויבען שרייבען.

לכבוד דעם דאזיגען יובילעאום איז בעשלאסען געווארען ביי די ווארשאווער יודישע ליטעראטען ארויסצוגעבען א קליינעם זאמעל־בוך אין זשארגאן; א קליינעם, אבער זעהר א שיינעם, וואס זאל דיענען אלס א קליינער צייכען פון אונזער גרויסע ליבע צו דעם פאלקס־שרייבער.

דעם אונטערגעשריבענעם האט מען איבערגעגעבען די רעדאקציע פון דעם דאזיגען זאמעל־בוך. מען בעט די שרייבער, וועלכע שעצען דעם יובעליאר דינעזאהן, זיי זאלען וואס צום גיכסטען צו שיקען ליטעראַרישע זאכען ווי מעגליך קליין אין פארמאט אבער רייך אין אינהאלט, לויט די אדרעסא:

י. ל. פּרץ

ווארשא, ציעגליאנא 1.

וויסענשאפטליכע ידיעות

(א מיטעל געגען רעהמאטיזם). ד״ר מינסטער אויס בערלין האט געפונען א ניי מיטעל געגען רעמאטיזם, וועלכעס מען שפּריצט אריין אונטערן הויט ביי די רעהמאטיז־קראנקע. די פּראבען וואס מען האט געמאכט האבען דערוויזען, אז דאס מיטעל היילט אויס שארפע און חראנישע רעמאטיז־קראנקע.

(א באהן וואס דארף זיך קיינמאל נישט אבשטעלען.) איין ענגלישער אינזשעניער ברוין האט געפונען אגאנץ נייעם סארט לאקאמאטיוו, וואס ברויך זיך קיינמאל נישט אבשטעלען. דער דאזיגער לאקאמאטיוו וועט געהן פון איין שטאדט אין דער צווייטער נאך אנאנד און וועט קענען אויף יעדע סטאנציע אראבזעצען און ארויפנעהמען פּאסאזשירען און זיך נישט דארפען אויפהאלטען. אין יעדע סטאנציע וועט זיין גרייט א וואגאן, אין וועלכען עס וועלען זיך געפינען די פּאסא־זשירען, וואס ווילען פון דער סטאנציע פאהרען און גלייך ווי דער צוג וועט קומען וועט מען דעם וואגאן צו טשעפּען צום צוג פון פארענט און אין דער אייגענער מינוט וועט מען אב טשעפּען דעם הינטערשטען וואגאן, אין וועלכען עס זיצען די פּאסאזשירען, וואס דארפען אויף דער סטאנציע אראב נעהן.

אלערליי.

(די פּאטשטען פון דער וועלט). מעהר פּאטשטען פון אלע אנדערע מלוכות האט נארד אמעריקא; עס געפינען זיך דארט 74000; דייטשלאנד האט 35000; ענגלאנד האט 21000 און רוסלאנד 4781. אז מען זאל צעווארפען די פּאטשטען לויט דעם צאהל פון די איינוואהנער, וועט אויסמאכען, אז אמעריקא האט א פּאטשט אויף יעדע 850 מענשען, דייטשלאנד — אויף יעדע 1470, ענגלאנד — אויף יעדע 1800 און רוסלאנד — אויף יעדע 36,000 איינוואהנער. אין אמעריקא מאכט אויס, אז יעדער מענש שיקט אין א יאהר 100 בריף, אין ענגלאנד 85, אין דייטשלאנד 32 און אין רוסלאנד 6.

(פּרעזידענט רוזוועלט איין אויוועןהייצער). דער אמעריקאנישער פּרעזידענט רוזוועלט איז איינגעשריבען כמעט אין אלע „צעכען“ פון די פעראייניגטע שטאטען. נישט לאנג איז ביי איהם געוועזען א רעפּוטאציע פון די אויוועןהייצער (קאטשעגארען) אויף די באהנען. די רעפּוטאציע האט געבראכט דעם פּרעזידענט א דיפּלאם אויף איין עהרען־אויוועןהייצער.

(80,000 דאלאר פאר א לאזשע אין טעאטער). אין דעם ניו־יארקער אפּערנהויז „מיטרעפּאליטען“, וואו אלע מיליאנערען און מיליאר־דערען האבען זייערע אייגענע לאזשעס אויף דעם גאנצען לעבען, איז ליידיג געבליבען א לאזשע, וועלכע האט געהערט דעם מיליאנער בישאפסהיים בשעת ער האט געלעבט. די לאזשע האט נאך זיין טויט אבגעקויפט א געוויסער יעקב ב. האגנין און האט פאר איהר בעצאהלט 80000 דאלאר.

(תקונים ביי דעם פעריזישען שאך). אין פעריזיע איז מען שטארק ברוגז אויף דעם שאך פאר די נייע רעפארמען און תקונים, וואס ער האט ביי זיך אין הויף געמאכט. עס פערדריסט זיי זעהר, וואס ער האט פערקלענערט די צאהל פון זיינע פרויען פון 1700 אויף 60. די פערזער בעטראכטען דאס פאר א גרויסע זינד. שולדיג אין דעם, זאגען זיי, איז די לעצטע רייזע, וואס ער האט אין אייראפּא געמאכט. אזא רעפארם האט נאך קיין שאך זיך נישט ערלויבט צו מאכען. דער פאריגער שאך האט איבערגעלאזען 1500 פרויען און איינינע הונדערט קינדער.

(וועלכעס פאלק אין אייראפּא שכור'ט מעהר) מעהר פון אלע לענדער ליידט דייטשלאנד פון שכרות, זי ברענגט אויס א יאהר אויף שארפע געטרענקע דריי מיליארדען.

(וויפיעל ביכער איז דא אין דער וועלט). א פראנ־צויזישער זשורנאל ברענגט א סטאטיסטיק פון די ביכער, וואס געפינען זיך אויף דער וועלט. לויט דער דאזיגער סטאטיסטיק איז די גרעסטע צאהל ביכער דא אין מערב אייראפּא, היינו 2 מיליארדען. אין די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא איז אין גאנצען נאר דא 800 מילי־אנען. אין מזרח אייראפּא (רוסלאנד, טערקיי, די באלקאנישע רעגירונגען) 500 מיליאנען ביכער אין די אנדערע טהיילען פון דער וועלט 250 מיליאנען ביכער. בסך הכל איז דא אין דער וועלט דריי מיט א האלב מילי־ארד ביכער.

יודישע פרויענוועלט

I. אלגעמיינע נייעס.

— פרוי ל. נ. אנאפאנאוו, וואס איז נישט לאנג געשטארבען אין פאריז, האט אין איהר צוואה אבגעשריבען אויף פערשידענע צדקות אין מאסקווא 200,000 רובל.

— אין בערלינער אוניווערזיטעט האט מען פריילין יאהאנע דע יאנג אויס האלאנד געגעבען דעם טיטעל דאקטארין פאר קונסט־געשיכטע.

— די ערשטע דאקטארין אין דייטשלאנד איז געווארען אין יאהר 1746 פרוי מאריא נערינגען אין פראנקפורט־אם־מאין.

II. יודישע נייעס.

— דער קיעווער פּאליציי־מייסטער האט ערקלערט, אז די יודישע פרויען, וועלכע לערנען זיך צו זיין אקושערקעס און פעלדשערינען הא־בען דאס רעכט צו וואהנען אין קיעוו.

— אויף דער אספה, וואס די פרויען־פעראיינען האבען געהאלטען אין וויסבאדען האט מען אויך גערעדט זעהר סימפאטיש וועגען די

יודישע פרויען־פעראיינען, דער עיקר האט מען געלויבט די טהעטיגקייט פון דער יודישער פרוי לינא מארגענשטערן, וועלכע ארבייט שוין 50 יאהר פאר די פרויען. פרוי מארגענשטערן איז היינט אלט 72 יאהר און פון דעסטוועגען הערט זי נישט אויף ארבייטען פאר די פרויען פון אלע אמונות און קלאסען.

— ביים ווילנער יודישען האספיטאל האט זיך געגרינדעט א חברה „יודישע בארעמהערציגע שוועסטער".

די קולירען אין דער פרויענקליידונג.

(ענדע).

טהיילמאל איז דוקא דאס, וואס ביי אלעמען קומט אויס ווילד און נישט פאסיג, דאס שענסטע. אבער וואו נעמט מען אזא פרוי, וואס זאל האבען דעם מוטה זיך אנצוטהון אזא קלייד, וואס ביי איהר אין די אויגען קומט עס אויס זעהר שען, נאר זי ווייסט, אז אנדערע פרויען וועלען פון איהר לאכען. „איך וועל מיר דאך נישט געהן אנטהון אזא קלייד –– טראכט זיך אפילו די פרוי, וואס ווייסט באמת, וואס עס הייסט שען — מענשען זאלען נאך מיר נאכלויפען, מען זאל מיך האלטען פאר משוגע.

וויל מען, אז איין אמת'ער עסטהעטישער קאסטיום זאל ביי די פרויען נושא חן זיין, זאל מען דערמיט אנקליידען עפיס א בעריהמטע אקטריסע א שרה בערנאר, אדער אזוי א גרויסארטיגע סאלאן־דאמע און באלד וועלען אלע מאגאזינען פול ווערען מיט אזוינע קאסטיומען, טויזענדער פרויען וועלען קומען און רייסען פון די הענד אט אזא מין קאסטיום. איינינע פאבריקאנטען זענען טאקי געפאלען אויף דער המצאה און האבען געשארט געלד מיט לאפעטעס, אמת נתעשר געווארען; דערמיט אבער איז נאך דער אמת'ער געשמאק נישט פערפיינערט, נישט פערעדעלט געווארען.

* * *

מיר האבען א גוטע לעהרערין, וועלכע זאגט אונז וואס פאר א קוליר אויסצוקלויבען, א לעהרערין, וועלכע איז זיך קיינמאל נישט טועה,—עס איז די נאטור. דער עולם וועט אפשר דערפון לאכען, עס איז אבער פארט אזוי. מיט א פאר יאהר צוריק בין איך געוועזען אין טיראל, אין א פערוואָרפען טהאל, וואו עס קומען זעהר ווייניג מענשען, נאר דארט האט געוואהנט א בעריהמטער קינסטלער מיינער א גוטער בעקאנטער. געקומען בין איך דענסטמאל גלייך פון א גרויסע שטאדט. איך האב בטבע נישט ליב קיין שרייענדיגע פארבען און האב עס קיינמאל נישט געליטען, נאר דענסטמאל האב איך פשוט מורא געהאט פאר שרייענדיגע פארבען, די שרייענדיגע קאלירען, מיט וועלכע אונזערע פרויען, וואס האבען קיין שום בעגריף אין קונסט, קליידען זיך, האט מיר פשוט קראנק געמאכט די אויגען.

אנטלאפען בין איך דענסטמאל פון דער גרויסער שטאדט און בין געקומען אין א שטילען רוהיגען דארף אין טיראל, דארטען האב איך געוואלט. אויסרוהען מיינע אויגען, נישט זעהען מעהר די שרייענדיגע קולירען, דארטען בין איך שטאלץ געווען אויף מיין עסטעטישע קליידונג. נאר מיין בעקאנטער קינסטלער האט מיר נישט געלאזט לאנג שטאלציר׳ען, ער האט מיר איינגערוימט א סוד, אז די קולירען פון מיינע קליידער זענען נישט איבריג שען. אין אנפאנג האט דאס מיר אפילו שטארק פארדראסען, ס'טייטש, מיר זאל מען זאגען, אז איך פערשטעה נישט אויסצוקלויבען קיין שענע קולירען, באלד אבער האב איך איינגעזעהען, אז ער האט רעכט.

די קולירען, וואס זייענדיג אין שטאדט האבען מיר אויסגעוויזען מאט און דונקעל געגען די שטאפען, וועלכע זענען מיט אנילין־פארבען געפארבט, האבען מיר דא אין וואלד צווישען די ריינע און אונשולדיגע פארבען פון דער נאטור אויסגעוויזען פאלש, און חציפות'דיג, אזוי אז איך האב מיך פשוט געשעמט אין זיי ווי א גנב, איך האב מיך פראסט געפיהלט אומגליקליך.

דענסטמאל ערשט האב איך מיך אויסגעלערנט זעהען.

דער רויטע, גלהענדע מאהן־בלום איז געשטאנען אין גרינעם פעלד און האט אויסגעקוקט אזוי ליעבהארציג, עפיס האט זי זיך צוגעטולעט אזוי רחמנות'דיג צו דעם גרינעם, הויכען גראז, גלייך ווי זי וואלט זיך געוואלט בעהאלטען פאר א שונא און דער פיאלעטעווע בעפוצונג פון מיין הוט, וועלכע איך האב געהאלטען ביז איצט שוין פאר אביסל צו אלט נאך מיינע יאהרען, האט צווישען די בנעימות'דיגע קולירען פון דער נאטור אויסגעזעהען אזוי עזות'דיג, אזוי חוצפה'דיג אזש צום חלייש'ען.

און דער גרויהע קוליער פון מיין מאנטל האט מיר אויסגעוויזען אזוי הארט, אזוי קאלט געגען די ווייכע, עדלע און דאך לייכטענדיגע גרויע קוליער פון די בוימער־קארע.

*

די בעסטע קוליער סיי פון דער פראקטישער זייט, סיי פון דער קינסטליכער זייט זענען די שטאפען, וועלכע זענען געפארבט מיט פארב, וועלכע זענען געמאכט פון פלאנצען, אזוינע קולירעי פלעגט מען גאר אין די אלטע צייטען געברויכען און אזוינע דארף מען אויך היינט געברויכען. עס פערשטעהט זיך, אז עס וועט נישט אזוי לייכט אנקומען צוריק איינצופיהרען די אלטע פארבען־מעטאדע, ערשטענס איז דאס פארבען מיט אזוינע קולירען זעהר א שווערע, פערוויקעלטע קונסט, צווייטענס וועט דאס מאטעריע דורך דעם טייערען פרייז פון די איינצעלנע פארב־שטאפען שרעקליך טייער ווערען, דריטענס וועט ווערען ווייניגער דער אויסוואהל פון די פערשידענע סארטען קולירען, וואס מיר האבען היינט דורך די מינעראל־פארבען.

דערפאר אבער האבען די פארבען פון דער אלטער צייט א סך מעלות, וואס די נייע פארבען האבען עס נישט. מיר וועלען שוין ניט רעכענען די מעלות פון דער עסטהעטישער זייט, וואס עס איז פיעל שענער, פיעל אמת'ר, וואס דאס איז אויך זעהר וויכטיג, נאר די פראקטישע מעלות. די קולירען פון דער אלטער פארבען מעטאדע ווערען קיינמאל נישט אן זייער ריכטיגען קוליר, עס שאדט זיי נישט די ליכט־שטראהלען און עס בליאקעוועט נישט אב און א חוץ דעם מאכט עס נישט קאליע דעם שטאף. א שטיקל שטאף, וואס מען פארבט לויט דער נייער מינעראלען מעטאדע, ווערד, ווי עס איז בע־

קאנט, דורכגעפרעסען פון די פערשידענע שעדליכע חעמישע יסודות, פון וועלכע זיי זענען צוזאמענגעמישט, די זון ווירקט זעהר שלעכט אויף די שטאפען, וואס זענען געפארבט מיט די מינעראלישע פארב, זיי ווערען באלד אבגעבלייכט און דאס מאכט זעהר מאוס דאס קלייד. געוואהנליך ווערען די קליידער, וואס זענען געפארבט מיט פלאנצען, אויך אביסל אנדערש פון די זון־שטראהלען, אבער דאס ווערד ניט אזוי געשווינד און אפילו די אבגעבליאקיוועטע פערליערען אויך ניט אין גאנצען זייער רייץ, עס בלייבט שטענדיג איבער א פרישער קוליר, וועלכע קען דעם עסטהעטישען געפיהל פיעל ווייניג צופרידען שטעלען.

עס זענען דא נאך פון וועמען זיך צו לערנען, ווי צו בעהאנדלען די פארבען ביי דער פרויען־טאאלעטע — דאס זענען די גרויסע אלטע און מאדערנע מייסטערס אין זייערע בילדער און פארשטעלונגען פון די בעקליידעטע פרויען אין אלטע צייטען. איך וויים, אז א סך פרויען וועלען פון מיר לאכען און זאגען, משוגע דארף מען זיין צו גטהן און נאכטאנצען די פארצייטיגע נאראנים, זיי האבען עפים אויך געוואוסט וואס עס הייסט גוט, וואס עס הייסט שען, שוין בעסער זיך צו פארלאזען אויף מיין שניידער.

און פון דעסטוועגען בין איך זיכער, אז די גרויסע מייסטערס אין דער מאלער־קונסט, געבען די בעסטע קוועלען, פון וועלכע די בעשאפער פון דער מאדע נעמען זייערע פאסאנען און קולירען. די פארצייטיגע עדעל־פרויען האבען זיך נישט פערלאזט אויף דעם שניידערס מכינות, זיי האבען אליין, לויט זייער רייכער פאנטאזיע אויפגעגעבען דעם פאסאן און די פארבען פון זייערע קליידער. מען דערקענט אין די פערצייטיגע קליידער, אז דאס זענען נישט קיין נאכגעמאכטע, נאכגעטאנצטע פאסאנען נאר אריגינעלע, אליין אויסגעטראכט, לויט די אייגענע פאנטאזיע און ניט ווי היינטיגע פרויען, וועלכע געפעלט נאר אלעס וואס יענע טראגט, ווי די צווייטע געהט, טאמער טראגט איהר חבר'טע א רויט קלייד, וועט זי שוין ניט טראגען קיין בלוי קלייד אדער איין אנדער קוליער, דער שטאף מעג זיין בעסער, שטארקער און ביליגער. אט אזא חאראקטער האט די נייע צייט אויסגעארבייט ביי היינטיגע פרויען.

איך וואלט נאך געקאנט זאגען פיעל זאכען וועגען די פרויען־קליידונג נאר דער קליינער פלאץ אין אייער „יודישע פרויענוועלט" וועלכע איהר גיט אין אייער צייטונג, ערלויבט מיר ניט וועגען דעם צו רעדען באריכות.

דבורה לעווינזאהן.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר.
פערלאג „פאלקסבילדונג".

נדבות

(דורך די אדמיניסטראציאן „יודישע פאלקסצייטונג" אין קראקוי, לטובת הקופה הלאומית.)

הננו מברכים בברכת מז"ט את ידידנו מר ברוך הורוויץ לחתונתו עם ב"ג מרת פאני זימסאהן ביום ג' כ"א טבת. ונדבנו 1.50 לטובת הקופה הלאומית.

י. פאזשאריק, ב. קראקאו, ע. סערעבראני.

„אראגא־גורסקי. ווארשא, לעשנא № 4
דאס איינציגסטע מיטעל צום אויסראטען נאגניאטקעס (הינער-אויגען) בראדאוועקס און פערהארטעטע הויט צור פרייז 30 קאפ' און 40 קאפ פארדערן איבעראל. 25—10 (129)

הוצאת „תושיה".

מלון
של כיס.
מעברית לרוסית ואשכנזית (באותיות עבריות)
מאת י. גרזובסקי, בהשתתפות י. קלויזנער.

א) במלון הזה באו כל המלים, שבאו בתנ"ך לכל הוראותיהן, אחת מהן לא נעדרה.

ב) משני התלמודים והמון המדרשים נכנסו לתוך המלון הזה כל המלים, שחזותן מוכיחה עליהן, כי עבריות הן ורק במקרה לא באו בתנ"ך, וגם רוב המלים הארמיות, הסוריות, היוניות והרומיות, שיש להן איזה ערך שמושי. כמו כן נכנסו בו כל המלים הסוריות, היוניות והרומיות, המשמשות בספרותנו החדשה, יהי איזה ערך שיהיה להם

ג) מן הספרות המאוחרת נתקבלו לתוכו כל המלים הטובות והנחוצות. שבאו בספרי הגאונים וחכמי ספרד, בספרות המקובלים והרבנים המאוחרים, וגם בכל ספרותנו החדשה, כפי שהתפתחה במאה האחרונה.

ד) כל המלים המחודשות בעשרים השנים האחרונות נבחרו היותר מקובלות וכל אלה שמקורן העברי נכר בנקל.

ה) מן המלים הלועזיות, המקובלות בכל השפות האירופיות באו במלון הנוכחי כל המלים הנחוצות ביותר, והנן מתורגמות רוסית ואשכנזית ומבוארות גם עברית.

ו) כל הבטויים המיוחדים, יהיו מן המקרא או מן התלמוד והספרות המאוחרת, שיש להם ערך שמושי, מתורגמים בו רוסית ואשכנזית.

ז) כל מלה עברית, שהבנתה קשה מעט, היא לא רק מתורגמת עברית ואשכנזית, כי אם גם מבוארת במלים עבריות אחדות

ח) על יד כל פעל מסומנת מלת החבור (או אות החבור), שהוא מתקשר אתה (כמו „האבק עם", אבד ל-, מ-). כמו כן על יד השמות, שאפשר לטעות בהם, רשומה ברתוקים גם צורת מספר הרבים שלהם.

ט) המלים התלמודיות, המחודשות והלועזיות, נבדלות מן המלים המקראות ע"י סימנים שונים.

י) כל המלים שבאו במלון הזה סודרו לא ע"פ שרשיה, כנהוג במלונים העברים האחרים, כי אם ע"פ צורתן בשמוש הלשון, בכדי להקל על המשתמשים בו.

וזאת לדעת, כי אף אם אין במלון הזה כל חקירות פילולוגיות, הנה מיוסד פירוש כל מלה ומלה שבו על חקירותיהן היותר מדויקות והיותר חדשות של טובי הפילולוגים החדשים.

המלון נדפס בפורמט קטן, הפורמט הנהוג במלונים-של-כיס בכל הלשונות, ובאותיות פטיט בהירות, למען יהיה המועט מחזיק את המרובה ויהי דבר השוה לכל נפש. גם נדפס על ניר משובח ובתכלית ההדור.

נגמר עתה בדפוס כל המלון.

מחירו 2.35 רובל, עם המשלוח 2.50 רובל, מכ' 2.75 רובל.

Издат. „Тушія" Варшава. | Verlag »Tuschija« Warschau.

פערלאג „פאלקסבילדונג".

ציוניסטישע ביבליאטהעק.
ב.
די מינסקער ציוניסטישע אסיפה.

—— פרייז 10 קאפ. מיט פארטא 12 קאפ. ——

ציוניסטישע אגודות בעקומען ראבאט.

Книгоиздательство „Тушія" Варшава.

Verlag „Tuschijah" Warschau.

מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

Herausgeber Verlag Volksbildung, Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher, Krakau, Druck v. S, L Deutscher Podgorze b-Krakau

ניטיג פאר יעדען! — וויכטיג פאר אלעמען!

— וואס איז אייער טהועכץ? אייער פרנסה? איהר זענט א סוחר? א הענדלער? א קרעמער? א לעהרער? א בעל-מלאכה? וויפיעל פארדיענט איהר א חודש?... נאר וויפיעל איהר זאלט ניט פארדיענען, קאנט איהר דאך אבשפארען עטליכע פרוטות א טאג, פארזארגען אייערע ווייב און קינדער אויף נאכ'ן טוידט; טאמער שטארבט איהר חלילה פאר דער צייט וועלען אייערע קינדער נישט בלייבען אויפ'ן אנדערען טאג אהן ברויט, אייער אלמנה וועט מען נישט דארפען געהן מאכען איבער דער שטאדט קיין נדבות, אייער טאכטער וועט האבען מיט וואס צו געהן צו דער חופה. און טאקי איהר אליין, איהר מעגט אייך לעבען ביז 120 יאהר, קאנט אייך באווארענען אויף דער עלטער מיט א קאפיטאל פון מזומנ'ע קערבלעך. דאס קאנט איהר אויספיהרען נאר דאן ווען איהר פארסטראכירט אייער לעבען, און בכדי צו פערגרינגערען אייך די זאך האט די נייע אסעקוראנץ-געזעלשאפט

Высочайше утвержденное

Генеральное Общество Страхованій жизни

и пожизненныхъ доходовъ

אויסגעארבייט פון אייערטוועגען פריווילעגיעס, וואס קיין געזעלשאפט האט זיי נישט:

א) איהר קאנט אייער פרעמיע צאהלען אלע חודש. — ב) איהר צאהלט נישט פאר קיין פאלים און עס קאסט אייך ניט קיין שום הוצאות. — ג) לנאטע אויף צו צאהלען פרעמיע נאכ'ן זמן, האט איהר דריי חדשים. — ד) האט איהר איינגעצאהלט דריי יאהר קאנט איהר נאכדעם אויפהערען צאהלען פון צוויי ביז דרייצעהן יאהר און איהר זענט אלץ פארסטראכירט (ненарушимость). — ה) געהט איבער דאס ערשטע יאהר איז אייער פאליס באווארענט פון לארעניש און פון אלהדינג, עס מעג זיין וואס ס'וויל (неоспоримость). — ו) נאך די ערשטע דריי יאהר קאנט איהר מאכען מיט אייער פאלים וואס איהר ווילט. אדער אויפהערען צאהלען פרעמיע און ארויסנעמען איין איינגעצאהלטען פאלים אדער אויסלייהען אויפ'ן פאלים געלד אויף 6% לשנה, וכדומה פארשיעדענע קאמבינאציעס. — ז) אייער קאפיטאל ווערד ארויסגעצאהלט גיך אהן א שום עכוב, און נאר אייך אדער אייערע יורשים; קיין שום ארעסט און קיין שום חוב אויף אייער קאפיטאל ווערד ניט אנגענומען.

אגענטען ווערען געזוכט אומעדום. — ביכלעך, טאריפען, בלאנקען ווערען ארויסגעשיקט איטליכען אומזוסט.

זיך ווענדען צום:

Управляющій Агентствами Генеральнаго О-ва Страхованій жизни М. Л. ЕВЗЕРОВЪ, ОДЕССА.

די פּראָווילעגיע פון דער געזעלשאפט איז אין:

10—9 С.-Петербургъ, Невскій 23. (82)

בבית מסחר הספרים של האחים לעווין-עפשטיין ושותפיהם

146 ווארשא, געגשא נומר 5

נמצא להמכר יותר משלשת אלפים מיני ספרים מכל המקצעות והם: חומשים, מחזורים, סדורים, שו"ת, דרוש, פוסקים; ששי"ם ואלפסין; ספרי למוד, מליצה, מחקר, שיר והספרות היפה; ספורים בזארגאן. — בית-מסחר הנ"ל ממלא רצון הקונה עצהיו"ט. קאטאלאג מפורט יצא לאור, מחירו 20 קאפ'. אדרעססע:

Ком. тов. Братьевъ Левинъ-Эпштейнъ и Ком. Варшава, Гусья 5.
Kom. Ges. Gebr. Lewin-Epstein & Co, Warschau Gesiastr 5.

קונעראל כשר על חג הפסח

איין רייגעם ניססענשמאלץ וועהר נעזונד פיר מאגענליידענדע. גוט צום קאכען און באקען פערשיעדענע שפייזען. הארטע קאקוסבוטטער, אויך אללע ארטיקלען פיר שאקאלאדעפאבריקען.
הכשרים פון ווארשויער רבנים.
הויפטפערקויף אין ווארשא, דזיקא 36

114 **בייא. מ. קאשער.** 15—9

ד"ר מ. פינקעלקרויט

ווארשא, קארמעליצקא 23

היילט האלז-, נאזע- און אויערען-קראנקהייטען.

היילט אויך שטאטערנדע (וועלכע זאאיקען זיךביים ריידען). (121) 8—10

הויז דרוקעריא

יעדערמאן איזט אים שטאנדע מיט מיינער טיפען-דרוקעריא גארניטורען וועלכע זינד פארהאנדען אין רוססישע, פראנצעזישע אונד העברייאישע בוכשטאבען, יעלבסט דרוקען אללעס וואס ער האבען וויל.

גארניטור נר' 0 מיט 90 טיפען 1. ר"ז
" 1 " 160 " 2. "
" 2 " 290 " 3.50 "

גארניטור נר' 3 מיט 480 טיפען 4.75 ר"ז
" 4 " 700 " 6.00 "
" 4a " 1000 " 10.— "

צו בעציהען אויס דיא שטעמפעל-אונד טיפען-פאבריקען

И. А. ЛЕВИНСОНЪ — Одесса, Канатная 122.

J. LEWINSON — WIEN, I. Adlergasse 12.

פרייזקוראנטע ווערדען פערזענדעט נאך ערהאלט איינער פאסטמארקע 7 קאפ.

(136) אגענטען ווערדען איבעראל געזוכט. 10—3

בית-מסחר-הספרים של

ר' מנשה קדישזאהן ושותפיו

נעתק מרחוב נאלעווקי Nr. 39 לרחוב גענשא Nr. 14

בבית המסחר הזה נמצא למכירה מלבד תוצאותיו והם: חומש עברי-טייטש מ"י עם ל"ו פירושים על נייר פשוט, ועל נייר רעגאל, חק לישראל להר"ק על נייר פשוט ורעגאל, חק לישראל ע"ט על נייר פשוט ועל נייר רעגאל, חומש כ"ו פירושים, וש"ס ירושלמי על נייר פשוט ורעגאל, — גם כל מיני ספרים מכל הדפוסים, הן ספרי דפוסי ווילנא, ווארשא, לובלין ופיעטריקוב והן ספרי חו"ל. ממלא הצון הקונה עצהיו"ט.

(142) אדרעססע: 5—3

М. Кадишсонъ и Ко. Варшава Гусья 14.

Paryzkie nowe modele

rekomenduje znany magazyn
Okryć damskich, wierzchów do futer i kostjumów
D. Borodowski, Warszawa, Leszno 9 m 4.
Na żądanie wykonywam wszelkie obstalunki
w 24 godzin.

14(8) 25—1

אין אונזער פערלאג איז זאעבען ערשינען

„פרעליכעס טאשענבוך"

פון בן עמרם (מ. זאבלאצקי)

ענטהאלט פיעלע וויצען, הומאריסטישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען, 50 זייטען לעזעשטאף. — פרייז 2½ פעגני, 5 סענט, 10 קאפ. 25 העללער (מיט פארטא) פאסטמארקען פון אללע לענדער ווערדען אנגענומען. פיר בוכהענדלער גרויסער ראבאט

R. Mazin & Co. 59 Old Montague St. N. E. London, England.

פערלאגסבוכהאנדלונג, דרוקעריא און בוכבינדעריא.
בוכהענדלער, פערלעגער און פערפאסער ווערען געבעטען זייערע קאטאלאגע אונז ארייגשיקען.

2—2 145

איין גליק פיר בעלי מלאכות

ווען זיי וועלען איינפיהרען ביי זיך צו דער ארבייט די נייעסטע סיסטעמע מאשינען און אפאראטען פון היינטיגער צייט, די מאשינען שפארען איין פיעל צייט, געלד און געזונד מיט פרייזען, בעשרייבונגען און אלעס מעגליכע בין איך בערייט צו דיענען יעדען איינציגען אויף דאס ערשטע פערלאנגען

(10) 4—1

С. Е. Левинъ, Варшава, Налевки 33, во дворѣ.

Складъ ремесленныхъ машинъ и принадлежностей.

די פירמא עגזיסטירט זייט 1885 יאהר.

נייעס!! נייעס!!

ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע

היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך, אונ נאך 3 מאנאטליכען טראגען ווירד דער ברוך גענצליך אויסגעהיילט. זיי האלטען גוט איין דעם ברוך אונ דריקען נ׳שט דעם קערפער, וועהרענד אהנע עלעקטריע איז דאס אונמעגליך. **בויכבענדער** פיר פרויען, עלאסטישע גוממי שטרימפפע פיר געשוואלענע פיס, בריללען מיט ווענעציאנישע גלעזער, וועלכע שטערקען די אויגען, אפאראטע פיר העמערוידען, אויך אנדערע כירורגישע אונ אפטישע ארטיקעל עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען

די לאנג יעהריגע פירמא

Хирургическо-Оптическій магазинъ

подъ фирмою **Алеcсандеръ**

Сенаторская 22, Варшава

דא עס האט זיך געצייגט אז מען מאכט נאך אונזערע ברוכבענדער, ביטען וויר אויפמערקזאם צו זיין אויף די אריגינאלע מיט׳ן סטעמפעל פון אונזער פירמא

וויר בעזיצען הונדערטע דאנקשרייבען פון די יענינע וואס האבען געטראגען אונזערע ברוכבענדער.

ביי בעשטעלונגען פער פאסט דארף מען נור איינשיקען דאס מאס פון קערפער

149 הערום. — פרייז 1 זייטיגע 6 רובל, 2 זייטיגע 10 רובל. 50—2

די פירמא עגזיסטירט זייט 188ג יאהר.

נסיון!

כל הקדם זכה!

למלאות רצון רבים, האומרים, כי מחיר „**השבוע**" (המכיל 12 עמודים גדולים, ולפעמים גם 16) רב הוא לעמת מחיר העתונים העברים הזו״ל ברוסיה, גמרנו לעשות לע״ע נסיון ולהורידו רק **עד יום 1 מארץ הבא** (למספר הרוסים) ממחיר 5 רו״כ עד **2.50** רו״כ לשנה. מחיר זול כזה לא היה עוד לעתון עברי, ונקוה, כי הקוראים ישתמשו בשעת הכשר וימהרו לחתום את ידם על „השבוע", וכל הקדם זכה! לחצי ולרבע השנה **לא** תתקבל החתימה.

„**השבוע**" הוא עתון ציוני, אשר טובי סופרי ישראל וחכמיו ישתתפו בו. מלבד מאמרים בכל שאלות הזמן וידיעות נכונות ע״ד מצב ישראל בכל תפוצותיו — ביחוד ע״ד מצבו החמרי והרוחני בחוץ לארץ רוסיה, — יבאו בו גם מאמרים ספרותיים ומדעים שונים, אשר לכל אחד מהם ערך קים, גם פיליטונים נעימים, ספורים גדולים וקטנים, שירים ומכתבים — והכל ערוך בידי סופרים בעלי-כשרונות

„**השבוע**" קבע לו זה עתה את הרידקציה הראשית בעיר **לונדון**, באופן אשר מעתה יגדל עוד ערכו, בהיותו צופה נאמן לבית ישראל באנגליה, אשר בעניניו השונים ימצא כל קורא עברי חפץ רב.

המחיר הנ״ל הורד רק בשביל „השבוע", למען קוראיו ברוסיה (ורק עד א׳ מרץ הבא, כאמור למעלה): אולם ביתר הארצות מחיר עתוננו הוא: 12 כתרים, 12 מארק, 10 שילינג, 3 דולר, 18 פרנק (בא״י 15 פרנק).

האדריסה היחידה למו״ל „השבוע" ועורכו היא:

Dr. J. S. Fuchs, 55 Amhurst Rd. Hackney. London E.

ברוסיה אפשר לפנות במשלות כסף גם אל:

מו״ס **צוקרמאן**, „**תושיה**" ומערכת „**הצפירה**" בווארשא, **אברהם פוכס**, בביאליסטק ומוה״ס **גינצבורג** בבאברויסק.

נעגעז מערידען אונ פוקלעס!

אפאראט וועלכער היילט גרינדליך אהנע אפעראציע. פרייז 2 ר׳ 50 קאפ.



Д. МОШКОВСКІЙ Варшава, Налевки 37.

(55)

פאבריק פון קויטשוק-סטעמפלען

Л. Великсонъ, Рымарская 3, Варшава



פערפערטיגט אלע ארט קויטשוק-סטעמפלען פון פיינסטען אמעריקאנישען קויטשוק, אויך אלערארט מעטאל-סטעמפלען, אזוי אויך די פיינסטע **מעססינג-שילדער צו טירען**.

אלעס מיט ביליגע פרייזען, ווי צום ביישפיעל:

מעססינג-שילדער צו טירען פיין גראווירט: נאמע אונ בייזאמען, שווארץ עמאלירט, פיין פאלירט, **פרייז נור 1 רובל**.

ניקעלנע טאשען-שרייבגעצייג, ענטהאלט שטאל-פעדער אונ בליישטיפט מיט צוויי סטעמפלען: (1 קויטשוק-סטעמפעל, נאמען אונ בייזאמען, 1 סטעמפעל צו לאק פון צוויי בוכשטאבען) **פרייז נור 40 קאפ.**

טאשען-קויטשוק-מאנאגראמע צום צייכנען אויף וועש, פאפיר א. ד. ג. צוזאמען מיט א קישעלע אונ שעכטעל צו טוש, פרייז נור 10 קאפ.

בעשטעלונגען אויף דער פראווינץ ווערדען רעעל אויסגעפיהרט אונ שנעל ארויסגעשיקט אויך פער נאכנאהמע.

עס ווערען געזוכט אגענטען אויף זעהר בעקוועמע קאנדיציעס.

פרייז-קוראנט ווירד ארויסגעשיקט **אומזאנסט!!!** 52) 25—9

הוצאות חדשות של „תושיה".

1) **אלפא ביתא מצוירת בצבעים** (עפ״י השטה הטבעית) עם 24 **ציורים יפים ואותיות הכתיבה.**

בצד כל אות יש ציור יפה בצבעים, הנקרא בשם המתחיל באות זו, ושם הציור מתחת. נדפסת על טבלה גדולה, להדביק אל הקיר בבה״ס.

מחירה 20 קאפ׳, ע״פ 22 קאפ׳.

מדבקת על **ניר עב** — מחירה 30 קאפ׳, ע״פ 36 קאפ׳.

2) **אלפא ביתא מצוירת בצבעים** (כנ״ל) **מטולטלת**, ערוכה **בקוביות.**

כל אות עם ציורה מרכבים מחלקים קטנים מדבקים על גזרי ניר עב קטנים (קוביות), שעל הילדים לחבר אותם בעצמם, בכדי שתצא האות הדרושה עם הציור השייך לה — ערוכה **בתבת-ניר יפה** — ובתיכה לוחות לדוגמא ערוכות לזה. נועדה ללמוד ולשעשועים בבית ובבית-הספר.

מחירה 75 קאפ׳, ע״פ 85 קאפ׳.

3) **אלפא ביתא מטולטלת**, ערוכה **בקוביות.**

אותיותיה מדבקות על גזרי עץ קטנים מרבעים (קוביות) מכל ששת עבריהם ומכילה בארבעים ושמונת קוביותיה הרבה אלפא-ביתות עם נקודות מיוחדות, להרכיב מהן מלית ומאמרים — ערוכה **בתבת ניר**. נועדה ללמוד ולשעשועים בבית ובבית-ספר.

מחירה 50 קאפ׳, ע״פ 80 קאפ׳.

4) **אלפא ביתא מצוירת בצבעים** (ע״פ השטה הטבעית), עם 82 **ציורים יפים.**

האותיות גדולות מאד, נדפסות בצבעים שונים ובתוך כל אות באים ציורים בצבעים מתאימים להם, הנקראים בשמות המתחילים באות זו, ומתחת לכל אות שמות הציורים שבתוכה, — נדפסת על טבלא גדולה להדביק אל הקיר בבה״ס.

מחירה 25 קאפ׳, ע״פ 30 קאפ׳.

מדבקת על **ניר עב** — מחירה 35 קאפ׳, ע״פ 43 קאפ׳.

5) **אלפא ביתא מצוירת בצבעים** (כנ״ל) במחברת קטנה נאה, שבכל עמוד אות אחת עם ציורה ושמות הציורים מתחת האות, והעלים מדבקים עם ניר עב.

מכורכת במעטפה ציורית (בצבעים) יפה, מדבקת על ניר עב, נועדה ללמוד ולשעשועים בבית ובבית-הספר.

מחירה 50 קאפ׳, ע״פ 60 קאפ׳.

6) **אלפא ביתא מצוירת בצבעים** (כנ״ל) **מטולטלת** ערוכה **בקוביות.**

האותיות עם ציוריהן מדבקים עם קוביות של ניר-עב גדולות ויפות מכל ששת עבריהן, ערוכה בתבת ניר גדולה ויפה עם ציור נאה בצבעים ממעל. נועדה ללמוד ולשעשועים בבית ובבית-הספר.

מחירה 1 רובל, ע״פ 1.20 רובל.

Издат. „Тушія", Варшава.—Verlag „Tuschijah", Warschau.